איהר קענט היינט אנהויבען לעזען דעם „בלבול” פון אנפאנג אן

THE HEBREW JOURNAL

דער
אידישער זשורנאל

A
SH
DIAN
LY
ATED
ER
DA
OAD

א נאציאנאל־אידי־
שע צייטונג פאר
אידישע און קענע־
דער ענינים בפרט
און פאר אלוועלט־
ליכע ענינים בכלל,
און וועלכע איז אנ־
ערקענט איבעראל
אלס אזעלכע. —

VOLUME III. No. 998 | Toronto, Tuesday June 20, 1916 | יט״ סיון פרשה קרח תרע״ו | דיענסטאג דער 20־טער יוני 1916 | PRICE : ONE CENT

A S Freidus
c/o The New York
Public Library
476 Fifth Ave
NEW YORK CITY

רוסען ניט ווייט פון לעמבערג

3000 עסטרייכער געפאנגען אין טשערנאוויץ

אכציג טויזענד זיינען איזאלירט און זיינען אין געפאהר

פעטראגראד, יוני 19

איצט אז זיי האבען שוין טשערנאוויטץ גענומען, לאזען זיך די רוסען מיט בענייטער קראפט אויף לעמבערג. זיי געפינען זיך איצט סך הכל 44 מייל פון דיעזער גאליצישער פעסטונג.

רוסישע טרופען קומען מאסענווייז אריבער דעם פרוטה ביי טשערנאוויטץ און סניאטין, וועהרענד די עסטרייך־אונגארישע אנטלויפען אין אונארדנונג איבער דער 50 מייליגער שטרעקע וואס ליגט צווישען טשערנאוויטץ און דעם יאבלאניטצא דורכגאנג אין דעם ניעדריגערען טהייל פון די קארפאטהען בערג.

16 מייל אין דריי טעג

די רוסישע ארמייען אונטער גענעראל ברוסילאף אין וואלין און אין גאליציען שטויסען זיך אויף איין צענטער, די ארמיי אין בוקאווינא דריקט צו צפון מערב און די ארמיי פון וואלין שטויסט צו דרום מערב. די וואלינער ארמיי האט געמאכט א שטרעקע פון 16 מייל אין די לעצטע דריי טעג יאגענדיג פאר זיך די עסטרייכער מיט די דייטשען.

גענעראל לעטשניטסקי'ס ארמיי, וועלכע האט גענומען טשערנאוויטץ מיט שטורם האט צוריק געטריבען דאס עסטרייכישע חיל פינף מייל אין צוויי טעג.

אויף פיעלע פלעצער אויף דעם גאליצישען פראנט האבען די עסטרייכער פערלוירען זייערע ערשטע, צווייטע און דריטע פערטיידיגונגס ליניעס. און ווי עס זעהט אויס וועלען זיי אזוי מוזען לויפען ביז צו די קליינע בערגלאך פון די קארפאטהען. סיידען די רוסען אליין וועלען זיי אויפהערען אזוי שנעל צו פערפאלגען כדי ניט פיעל אויסצוציהען זייערע פערבינדונגס ליניעס.

שווערע שלאכטען געהען אן צווישען די רוסען און דער עסטרייך דייטשער ארמיי פון גענעראל פאן לינסינגען, וועלכע פערטיידיגט דעם דייטשען באזיס ביי קאוועל.

כאטש עס איז גאנץ שטיל בנוגע אינפאנטעריש שלאכטען אויפ'ן גאנצען פראנט, דאך באמבארדירען די רוסען שטארק די עסטרייכישע און דייטשע ליניעס. אויף איינצעלנע פונקטען שאצט מען דאס די רוסישע באטערייען האבען געשליידערט אזוי גרויס ווי צעהן טויזענד באמבעס אויף איין איינציגען פונקט אין א טאג בלויז.

געגעבען צו טהיילווייזען פערלוסט.

בערלין יוני 19

דער קריעגס אפים בעריכטעט: קיין וויכטיגעס איז ניט געשעהען ביי דער צפון ענדע פון מזרח שלאכטפעלד.

די אייזענבאהן ליניעס פון גאכאוויטשי און לוניניעץ, וועלכע ווערען גענוצט פאר'ן טראנספארט פון טרופען, זיינען באמבארדירט געווארען. אויפ'ן טייך סטיר אין מערב פון קאלקי און אין סעקטאר פון טשאטשען זיינען אטאקען פון די רוסען טהיילווייז צוריקגעשטויסען געווארען פון דער ארמיי פון גענעראל פאן לינסינגען.

„אין צפון - מערב פון לוטסק (וואלין) זיינען די שלאכטען צו אונזער גונסטען. די צאהל געפאנגענע וואס מיר האבען האט זיך פערגרעסערט. אין דרום־מערב פון לוטסק אטאקירען די רוסען נאכאנאנד.”

פעטראגראד יוני 19

די רוסען האבען גענומען דריי טויזענד געפאנגענע אין און ארום טשערנאוויטץ, האט היינט דער קריעגס אפיס מיטגעטהיילט.

לאנדאן יוני 19

א טהייל פון דער עסטרייכישער ארמיי פון טשערנאוויטץ האט זיך צוריקגעצויגען צו מערב זייט צו קאלאמעא און קוטי און די איבעריגע אין א דרום ריכטונג קיין דארנאוואטרא, טעלעגראפירט רייטערס פעטראגראדער קארעספאנדענט.

גענעראל פלאנצער'ס ארמיי, זאגט ער ווייטער, איז איצט איזאלירט און זי איז אנגעוויזען אויף איהרע אייגענע זאפאסען. הילף קאן זי פון ערגעץ ניט באקומען און איז דארום אין גרויס סכנה.

פעטראגראד יוני 19

אכציג טויזענד עסטרייכער זיינען פון די רוסען ווי צו דער וואנד צוגעדריקט געווארען ווען טשערנאוויטץ איז געפאלען און זיי געפינען זיך אין סכנה געפאנגען צו ווערען, סיידען זיי וועלען זיך צוריקציהען. אין גרויס איילעניש, לויטען דעפעשען וואס זיינען אהער אנגעקומען, דייטשען מאכען עס צו קליין געלד.

אמסטערדאם יוני 19

דאס וואס טשערנאוויטץ, די הויפט שטאט פון דער בוקאווינא איז גענומען געווארען פון די רוסען ווערט היינט געמאכט צו קליין געלד אין דער דייטשער פרעסע אין לייט ארטיקעל ווי אויך אין ארטיקלען פון מיליטערישע קריטיקער. טשערנאוויטץ, זאגען זיי, האט, אין מיליטערישען זינען קיין מאל קיין שום ווערטה ניט געהאט.

לינקאן משומד און שפיאן ווערט פראצעסירט אין ענגלאנד

לאנדאן יוני 19

איגנאציוס לינקאלן, דער משומד וועלכער ווערט בשולדיגט אין פערראט האט היינט, בעת זיין פראצעס, אדרעסירט דאס געריכט פאר גאנצע צוויי שטונדען. געענדיגט האט ער מיט פאלגענדע ווערטער: „איך בין געטריבען געווארען פון אמביציע. איך בין פערנארט געווארען דורך דער שעהנהייט פון לעבען. האבענדיג פערלוירען כמעט אין גאנצען מיין געלד האב איך, איך גיב צו, געפעלשט דיעזע דאקומענטען.

ער האט דאן אנגעדייטעט דאס בעת ער איז געווען בעשעפטיגט פון דער ענגלישער רעגיערונג האט ער ערפונדען א פלאן ווי אזוי צו פערניכטען די דייטשע פלאטע, ענגלאנד אבער האט דעם פלאן ניט געוואלט אננעהמען, ווייל דורך דעם פלאן וואלט מען געקענט וויסען וואו די ענגלישע פלאטע געפינט זיך. עס איז א „טייוועלישער ליגען” האט ער געזאגט אז מען זאל איהם בעשולדיגען אין פערראט צו ענגלאנד. פארקעהרט האט ער געטעה'ט. אויב ער האט יא וועמען עס איז פערראטען איז עס געווען דייטשלאנד ניט ענגלאנד האט ער געענדיגט זיין רעדע מיט אן אויסדרוק פון האפנונג אז מען וועט מיט איהם מיטלייד האבען

זיין פראצעס וועט ענדליך פארקומען פאר אן העכער געריכט צו דער צווייטער זיטצונג.

רוסישע נצחונות אויף גאליציען ווירקען אויף רומעניע

בערלין. יוני 19.

דער אפיציעלער עסטרייכישער בעריכט לויטעט:

„אויף'ן פרוטה זיינען קיינע וויכטיגע געשעהענישען ניט פארגעקומען.

א רוסישער פערזוך אריבער צו געהן דעם דניעסטער אין צפון זייט פון ניעזוויסקא איז ניט געלונגען

רוסישע אטאקען אויף אונזערע פאזיציעס אין מזרח זייט פון וויסנאוושיק זיינען ווידערהאלט געווארען מיט דער זעלבער ווילדקייט ווי ביז איצט.

אין וואלין האבען זיך די שלאכטען ווידער אנגעהויבען ביי אלפא און אין די געגענדען פון די טייכען וואקאטשי, סטאראד און סטיר.

דייטשע פרעסע
גיט אנצוהערעניש

לאנדאן, יוני 19.

ווי אן אמסטערדאמער דעפעשע מעלדעט צו דער עקסטשיינדזש טעלעגראף קאמפאניע האט דער קארעספאנדענט פון בערלינער טאגעבלאט וועלכער געפינט זיך אין דעם עסטרייכישען הויפט קריעגס אפים געשריבען דאס שווערע שלאכטען קומען פאר צווישען די רוסען וואס געהען אויף קאוועל און די דייטשען אונטער דער פיהרערשאפט פון גענעראל פאן לינסינגען. די רוסען זיינען פיעל מעהר אין צאהל און די דעפעשע ערקלעהרט דאס דער בעריכט וועגען די שלאכטען אין טאגעבלאט איז געשריבען אויף אזא אופן כדי צו מאכען בערלין פארבערייטעט פאר די נייעס פון א צווייטע צוריקציהונג מצד די דייטשען און עסטרייכער.

די טאגעבלאט דערצעהלט דאס דיא עסטרייכער האבען גענומען פרישע פאזיציעס צווישען טשערנאוויטץ און דעם דניעסטער, וואו זייע ערווארטען ווייטערע רוסישע אטאקען. אין מיטען דעם סעקטאר פון טייך סטריפא, אויף דער דירעקטער ליניע קיין לעמבערג פיהרט אן דער דייטשער גענעראל גראף פאן באטהמער, א שטארקען ווידערשטאנד געגען שווערען רוסישען דרוק.

די ווירקונג אויף רומעניע.

פאריז יוני 19

„וואס וועט איצט רומעניע טהון איז דער גרונד טאן און די הויפט פראגע אין אלע מארגען צייטונגען בעהאנדלענדיג די רוסישע פארטריטען אין גאליציען און איבערהויפט זייער נעהמען טשערנאוויטץ. כאטש מען האט עס שוין מיט א קורצער צייט צוריק ערווארטעט, איז דאך די נייעס ערהאלטען געווארען מיט גרויס שמחה.

אלע צייטונגען געבען צו דאס די דיפלאמאטישע רעזולטאטען זיינען פיעל וויכטיגער בנוגע דעם פאל פון טשערנאוויטץ ווי די סטראטעגישע. זיי דייטען אן דאס דיעזע שטאדט איז דער הויפט פון דער בוקאווינא, די אירערדענטיסטישע פראווינץ פון רומעניע, וועלכע מען האט איהר געהאט פערשפראכען אין פאל זיא וועט צושטעהן צו די עליים.

די פראווינץ בוקאווינא האט געבילדעט שוין צוויי מאהל א טהייל פון רומעניען און די פיהרער פון דער פרא עליים פארטיי אין רומעניען האבען ניט אויפגעהערט צו ערקלעהרען און צו פראפאגאנדירען די מעגליכקייט פאר רומעניען דיעזע פראווינץ צוריק צו בעקומען, אויב רומעניען וועט ווערען א שותף מיט די עליים. די שתדלנים אדער שדכנים פון דעם שותפות האבען טאקי ניט פערלארען קיין איין מינוט צייט און דעפעשען פון בוקארעסט טהיילען מיט דאס עס איז שוין א שטארקער קעמפיין ערעפענט געווארען און זיי זיינען זיכער דאס זיי וועלען קריגען פרעמיער בראטיאנא אויף זייער זייט.

דייטשע אטאקע ביי ווערדון א דורכפאל

פאריז יוני 19

לויט אן אפיציעלען בעריכט זיינען שטארקע דייטשע אינפאנטעריע אטאקען אויף פראנצויזישע פאזיציעס אין צפון זייט פון בארג 321 אויף'ן ווערדון פראנט צוריקגעשטויסען געווארען.

אויף'ן מערב ברעג פון טייך מאאס האבען די דייטשען באמבארדירט די דרום אבהאנגען פון טויטען מאנס בארג זעהר שטארק.

א דייטשע אטאקע אין ראיאן שאטאנקור איז צוריקגעשטויסען געווארען פון פראנצויזישען פארהאנג פייער און די געגנער אינפאנטעריש אנגריפען. צוויי סקאדראנען פון פראנצויזישע פליהער האבען באמבארדירט די סטאציאן פון די וואוזיער קאזארמעס אראבווארפענדיג 61 גרויסע באמבעס מיט גוטע רעזולטאטען.

בולגארען אוואנסירען ארום מאנאסטיר

פאריז יוני 19

דער האווא קארעספאנדענט פון סאלאניקי טעלעגראפירט דאס עס זיינען אהין אנגעקומען בעריכטען אז בולגארישע טרופען וועלכע האבען זיך געפונען אין ראיאן פון פלארינא און מאנאסטיר האבען אנגעהויבען צו אוואנסירען. דאס ווילען זיי א פינס פערכאפען דעם וועג איידער דיא עליים וועלען עס דארט טהאן.

פעהלער אויסבעסערונג

אין אונזער נעכטיגע נייעס וועגען דעם קאנפערענץ פון דער אמעריקען דזשואיש קאמיטע האט זיך אריינגעכאפט א פערדריסליכער טעות.

אנשטאט דעם, וואס עס איז געזוען געמעלדעט, אז דער קאנפערענץ ווערט גערופען אויפ'ן מאנאט יוני, האט געדארפט זיין יולי.

מעקסיקא ערקלעהרט קריעגס צושטאנד

גאלוועסטאן, טעקסא. יוני 19

די מעקסיקאנער רעגיערונג אין יוקאטאן האט ארויסגעלאזען א פראקלאמאציע אין וועלכער זי הייסט אלע אמעריקאנער פערלאזען מעקסיקא און ערקלעהרט א קריעגס צושטאנד צווישען די צוויי לענדער.

אזוי האבען ערקלעהרט פאסאזשירען וואס זיינען היינט אנגעקומען אויף דעם נארוועגישען דאמפפער ניים פון פראגרעסא, מעקסיקא.

וואשינגטאן, יוני 19

דער סטייט דעפארטמענט האט היינט ערהאלטען צושריפטען פון דער מעקסיקאנער אמבאסאדע, וועלכע אנאנסירען דאס עס איז נעכטען פארגעקומען א צוזאמענשטויס צווישען דער מאנשאפט פון דער קאנאנענשיף אנאפאליס און קאררנאצא'ס סאלדאטען אין מאזאטלאן. אין דיעזע צושריפטען ווערט אויך געבעטען דאס אזוי ווי די שטימונג איז איצט אן אנגעצויגענע זאל קיין מאן ניט לאנדען פון אן אמעריקאנער קריעגס שיף אונטער קיינע אומשטענדען.

פרעזידענט ווילסאן האט היינט געגעבען אינסטרוקציעס דאס זיין ענטפער צו מעקסיקא, אין וועלכען ער ענטזאגט גענעראל קאררנאצא'ס פאדערונג אז די אמעריקאנער טרופען זאלען צוריקגעצויגען ווערען פון מעקסיקא, זאל זאפארט אבגעשיקט ווערען.

ענטזאגענדיג צוריקציהען די טרופען, בעשטעטיגען די פעראייניגטע שטאאטען נאכאמאל זייערע פריינדליכע בעציהונגען צו דער מעקסיקאנער רעגיערונג און גענעראל קאררנאצא ווערט שארף געווארנט פאר זיינע אונבעגרינדעטע בעשולדיגונגען און אנצוהערענישען וואס זיין נאטע ענטהאלט.

קעלים טרייל געהט אן אין וויניפעג

וויניפעג יוני 19

דער טרייל פון טהאמאס קעלי, דער רייכער קאנטראקטאר וועלכער ווערט בעשולדיגט אין בעשווינדלען די רעגיערונג, און וועלכען מען האט געמוזט צוריקברייגען פון די פעראייניגטע שטאאטען דורך דעם וואס מען האט איהם פון דארט ארויס געליפערט אויפ'ן פערלאנג פון דער קענעדער רעגיערונג, האט זיך נעכטען נאכמיטאג אנגעפאנגען.

אריינגעהענדיג אין קארט האט קעלי אין א לייגנערען סטייטמענט פראטעסטירט געגען דעם וואס דער טרייל געהט אן ער האט ערקלעהרט אז געגען איהם ווערט בעגאנגען אן אונרעכט, זיין הויז איז פון דער פאליציי בערויבט געווארען, און האט אויך ערקלעהרט אז ער וועט זיך ניט פערטהיידיגען אוים פראטעסט.

דער קראון אטארני האט געענטפערט אויף קעלי'ס פראטעסט אז זיינע לאיערס האבען איהם געוואלט ארויסנעהמען אויף בייל און אפנארען דעם קארט.

דער דזשאדזש האט ענטשידען אז דער טרייל זאל אנגעהן טראטץ קעלים פראטעסט, און א דזשורי איז גלייך אויס געקליבען געווארען.

קעלי אבער האט ניט גענומען קיין לאיער און וועט זיך ניט פערטהיידיגען.

גראף פאן מאלטקע שטארבט פון אפאפלעקסיע

האאג יוני 19

גענעראל גראף העלמוט פאן מאלטקע איז נעכטען געשטארבען אין בערלין פון אפאפלעקסיע.

אזוי מעלדעט א טעלעגראמע וועלכע איז דא דערהאלטען געווארען פון בערלין

דער פערשטארבענער איז געווען דער הויפט פון דעם דייטשען גענעראל שטאב ער איז געשטארבען אין דער צייט ווען ער איז געווען צו א רייכסטאג זיצונג וועלכע איז געהאלטען געווארען צום אנדענקען פון גענעראל פאן דער גאלטץ וועלכער איז געשטארבען אין טערקיי.

גענעראל פאן מאלטקע איז געווען א פלימעניק פון פעלד מארשאל פאן מאלטקע וועלכער האט געשפיעלט א גרויסע ראלע אין דער פרייסיש פראנצויזישער מלחמה אין 1870

גענעראל פאן מאלטקע איז געווארען א גענעראל אין יאהר 1899 און אין 1902 איז ער בעשטימט געווארען אלס הויפט פון דעם דייטשען גענעראל שטאב, אין 1914 עטליכע מאנאטען נאכדעם ווי דיער יעצטיגער קריעג האט אויסגעבראכען האט ער פון זיין הויכער שטעלע רעזיגירט צוליעב קראנקהייט ווי עס איז אפיציעל געמעלדעט געווארען אין דער אמת'ן אבער איז ער פון זיין פאסטען בעזייטיגט געווארען צוליעב אן אנדער אורזאכע, און זיין פלאץ האט פערנומען גענעראל פאן פאלקענהיים.

דער פערשטארבענער האט געהאט א זעהר טרויעריגען סוף אין דער יעצטיגער מלחמה.

ביים אנפאנג פון דער מלחמה האט ער געשפיעלט אזא ראליע אין דייטשלאנד פונקט ווי דער קייזער אליין ער איז געווען דער יעניגער וועלכער האט געהאלפען אויסצוארבייטען אלע מלחמה פלענער, פאר אלע פראנטען, אליין האט ער זיך גענומען צום מערב פראנט און האט אנגעפאנגען דעם בעוואוסטען מארשירט אויף פאריז וועלכער האט זיך געענדיגט אזוי טרויעריג פאר איהם. און צייט דאן ווען ער האט זיך געמוזט צוריקציהען מיט זיין ארמיי פון די סאמע טויערען פון פאריז איז ער בעזייטיגט געווארען פון זיין שטעלע און איז אויך ארונטער פון דער מלחמה ארענא.

אלע האבען אבער אימער צוגעגעבען אז ער איז געווען א גרויסער גענעראל און אך א גרעסערער סטראטעגיסט ווען ער האט זיך געקענט ארויסדרעהען פון דער פראנצויזישער פאסטקע ארום פאריז.

לארד ראטשילד רעזיגנירט פונ'ם קאנסיל

(ספעציעל צום אידישען זשורנאל)

לאנדאן יוני 19

לארד ראטשילד, וועלכער איז געוועזען א מיטגליעד פונ'ם לאנדאן קאונטי קאנסיל האט רעזיגנירט פונ'ם לעצטען, ווייל דער קאנסול האט אנגענומען א רעזאלוציע, געגען נאטוראליזירטע דייטשען.

לארד ראטשילד האט רעזיגנירט אוים פראטעסט, און אויס עהרע צו זיין מוטער, וועלכע איז א געבוירענע פון דייטשלאנד.

זלאטאפאלסקי ארעסטירט

(ספעציעל צום 'אידישען זשורנאל',

לאנדאן יוני 19

הלל זלאטאפאלסקי, וועלכער איז גוט בעקאנט געוועזען אין די ציוניסטישע און העברעאישע קרייזען איז פון דער רוסישער רעגיערונג פערמשפט געווארען צו א חודש טורמע, פאר אנפיהרען א ציוניסטישע אגיטאציע.

באנדיטען בעפאלען אין מיטען נאכט א מוטער און טאכטער

אלגא סטאסיעוו 17 יאהר אלט איהר מוטער 42 יאהר אלט און הערי יעסעל אלע פון 340 עדילעיד סטריט וועסט געפינען זיך יעצט אין דזשענעראל האספיטאל אלס רעזולטאט פון דעם וואס זיי זענען אטאקירט געווארען פון א רויבער אין מיטען נאכט.

די פאליציי זוכט יעצט ארום א מאן מיט'ן נאמען פעטער דימיטרעף וועלכער ווערט בעשולדיגט אין מארה אנגריף.

לוים יעסעל דערצעהלט האט עס פאסירט אזוי:

„[illegible] האבען זיך צוויי מענשען אריינגעבראכען אין הויז אין האבען פון אינעווייניג פערשפארט אלע טיהרען, זיי זענען דאן אריין אין דעם צימער אין וועלכען די מוטער מיט דער טאכטער זענען געשלאפען, און האבען אנגעפאנגען צו שלאגען די פרויען מיט קלאבס.

פון זייערע געשרייען האט ער זיך אויפגעכאפט, און האט געוואלט ארויס, אבער ווי ער האט נור געעפענט די טיהר האט ער בעקומען מיט א קלאב איבער'ן קאפ. און איז אין א בעוואוסטלאזען צושטאנד געפאלען צו דער ערד, ער איז אבער באלד צוזיך געקומען, און איז ארויס פון זיין צימער אין האלל, דארט האט מען ערשט דערלאנגט מיט אן אייזערנער האנטשטיק אין קאפ.

די באנדיטען האבען אבער מורא געהאט לאנג צופערבלייבען אין הויז, זענען זיי אנטלאפען, און טראצדעם וואס די פאליציי איז באלד געווען אויפ'ן פלאץ און דער גאנצער געגענד איז דורכגעזוכט געווארען דאך האט מען די באנדיטען ניט געכאפט.

מען איז אבער זיכער אז דאס האט געטהאן דימיטרעף מיט א חבר ווייל דימיטרעף איז געווען א חתן פאר דער מיידעל, און האט איהר געהאט געגעבען דזשולערי, די מוטער אבער איז געווען געגען דעם שידוך און שבת האט די כלה דעם חתן צוריקגעגעבען אלע מתנות וואס זי האט פון איהם בעקומען און וועלענדיג נעהמען ראכע פון זיי האט ער עס מיט זיין חבר געטהאן.

נעכטען אין דער פריה האט די פאליציי בעמערקט ווי צוויי פערשוין האבען זיך ארומגעדרעהט אין יענעם געגעגד, די פאליציי האט זיי גענומען פערפאלגען, אבער ווי די מענער האבען דערזעהען אז מען פערפאלגט זיי זענען זיי אנטלאפען, דער פאליציי האט זיך אבער איינגעגעבען איינעם צו כאפען, וועלכער האט אנגעגעבען זיין נאמען אלס דזשאהן קארנעל, ער איז פערהאלטען געווארען אלס עדות,

דער צושטאנד פון דער מוטער און טאכטער וועלכע געפינען זיך אין האספיטאל איז ניט קיין געפעהרליכער.

פרוי שטארבט פון הארץ שלאג

מר. דוד עפשטיין פון 178 פראנט סטריט איסט האט שבת אוונד, געפונען זיין שכנה מרס. מערי ריינאלדס 65 יאהר אלט אין 358 פראנט ליגענדיג טויט אויף דער ערד.

מר. עפשטיין איז געגאנגען אהין נאך רענט, און ווען ער איז אריין אין הויז האט ער דערזעהען ליגענדיג די פרוי מיט'ן פנים צו דער ערד. די פרוי איז מיט עטליכע מינוטען פריהער ארויין אין הויז פון גאס וואו זי האט איינגעקויפט פערשיעדענע גראסערי ארטיקלען פאר זונטאג, און אריינגעהענדיג אין הויז איז זי ווייז אוים געפאלען טויט.

א דאקטאר איז גלייך גערופען געווארען, אבער ער האט בלויז בעשטעטיגט אז די פרוי איז געשטארבען פון הארץ שלאג.

מערקווירדיג איז וואס איהר מאן איז געשלאפען אינ'ם צווייטען צימער, ווען זיין פרוי איז געפאלען און ער האט גאר נישט געהערט.

פראפ. האמבורג טויט

זונטאג אוונד איז פראפעסאר מיכאיל האמבורג געשטארבען אין עלטער פון 61 יאהר אין זיין וואהנונג 841 שויטבערן סטריט.

געשטארבען איז ער פון הארץ שלאג און איז ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבען געווען ביים פולען בעוואוסטזיין.

פראפעסאר האמבורג מיט זיינע צוויי זיהן דזשאהן דער פידעל שפיעלער און בארים דער טשעליסט האבען מיט פינף יאהר צוריק געגרינדעט די האמבורגער קאנסערוואטארי, אין זוהן מארק, איז א בעריהמטער פיאניסט.



פראפעסאר האמבורג איז געבארען געווארען אין יאראסלאוו רוסלאנד אין יאהר 1855 שפעטער האט ער זיך געטויפט; ער לאזט איבער א פרוי מיט דריי קינדער.

אין טאראנטא איז די האמבורג קאנסערוואטארי גוט בעקאנט איבער הויפט איז דער פראפעסאר געווען גוט בעקאנט צווישען דער היגער אידישער בעפעלקערונג ער האט זיך קיינמאל ניט ענטזאגט צו שטיצען יעדע אידישע אונטערנעהמונג ווען מען האט זיך צו איהם געווענדעט נאך מוזיקאלישע קרעפטען.

די לויה וועט זיין מיטוואך.

זונטאג פינף א זייגער פארנאכט, האט פראפעסאר האמבורג אין בעגלייטונג פון זיין פרוי בעזוכט דעם זשורנאל אפים און דיסקוטירט פאר א לענגערע צייט א פלאן, ווי אזוי צו שאפען א מוזיק צענטער אין אידישען געגענד, וואו אידישע קינדער זאלען זיך קענען לערנען מוזיק פריי, און ער האט פערלאנגט פונ'ם זשורנאל, אז מיר זאלען זיך פעראינטערעסירען אין דער פראגע.

מיר האבען איהם פערשפראכען, אז די זאך וועט פון אונז בעקומען די נויטיגע אויפמערקזאמקייט, און פראפעסאר האמבורג איז דאן אהיים געפאהרען.

מיט עטליכע שטונדען שפעטער, האבען מיר ערהאלטען א טעלעפאן ־ ידיעה, אז ער איז פלוצלונג געשטארבען.

זייענדיג געטויפט, וועט ער בעערדיגט ווערען אויף דער סעמעטערי פון דער היגער יוניטארישער קירכע.

רעגען שטערט דעם פאראד אין ניאגרא

ניאגרא אן די לייק יוני 19

דער רעגען האט היינט פיעל געשטערט דעם פאראד פון די סאלדאטען וועלכער איז געמאכט געווארען פאר'ן דיוק אף קאנאט.

דער דיוק איז געקומען צופאהרען פון ניאגרא פאלס עלף אזייגער אין דער פריה, און איז בעגעגענט געווארען פון בריגאדיר גענעראל לאגי. און אנדערע בעאמטע פון קעמפ. דער רעגען איז דאן געווען שטארק און מען האט זיך דעריבער בעראטהען וואס צו טהאן.

אזוי ווי די סאלדאטען זענען שוין געשטאנען אויסגעשטעלט און אלעס איז געווען פערטיג איז בעשלאסען געווארען אז דער דיוק זאל דורכפאהרען, און איבערקוקען די סאלדאטען, די איבעריגע טהיילען פונ'ם פאראד זענען ניט דורכגעפיהרט געווארען און דריי א זייגער נאכמיטאג איז דער דיוק אבגעפאהרען אין א ספעציעלער טריין.

די בילינגואל דעמאנסטראציע אין מאנטרעאל

מאנטרעאל יוני 19

א דעמאנסטראציאן צו העלפען די פראנטש ־ קענעדיענס אין אנטעריא, און פראטעסטירען געגען דעם ווי די פראנטש קענעדיענ'ס ווערען בעהאנדעלט אין אנטעריא איז אבגעהאלטען געווארען אין לאפאנטיין פארק.

רעדעס זענען געהאלטען געווארען פון הענרי בוראסא און סענאטאר לאנדרי וועלכער האט צוליעב דער בילינגואל פראגע רעזיגנירט פון סענאט אלס ספיקער.

נאך דריי טויזענד סטרייקער

(ספעציעל צום אידישען זשורנאל)

ניו יארק יוני מאי 19

חוץ די פיעלע טויזענדער קלאוקסטרייקער זיינען יעצט אויף דער היגער אידישער ארבייטער גאס צוגעקומען נאך סטרייקער.

דריי טויזענד ארבייטער ביי ניפענטס האבען היינט געווארפען די ארבייט און ערקלעהרט א סטרייק. דער איינציגער מיטעל וואס איז זיי געבליבען קעמפענדיג פאר זייערע רעכטע.

דער קלאוק סטרייק געהט אן מיט'ן זעלבע ווערפאלג ווי געוועזען, ניט קוקענדיג אויף די פיעלע סטראשונקעס פון די „באסעס”.

זייער לעצטער סטראשונאק איז, אז אויב די ארבייטער וועלען זיך ניט אומקערען צו דער ארבייט וועלען זיי זיך אין גאנצען אבגעזעגענען מיט ניו יארק און איבערפיהרען זייערע שעפער אין די קאנטרים וואו מען וויסט ניט פון קיין יוניאן.

מר. קענען אין שטאקהאלם שוועדען

מיר האבען היינט ערהאלטען א בריעף פון מר. עמ. י. קענען פון סטאקהאלם, שוועדען, וואו ער געפינט זיך שוין איינינע וואכען פאר געשעפטס אנגעלעגענהייטען.

ער דענקט קורצליך צו קומען צוריק אהיים קיין טאראנטא מיט א סך אינטערעסאנטע נייעס.

צוויי פייערען און איין פלאץ

א פייער וועלכער האט נעכטען אויסגעבראכען אין דער לייזינגער געבוידע 234 און 2 קלינטאן סטריט, האט פעראורזאכט א שאדען פון 1200 דאלאר.

די געבוידע בעלאנגט צו מרס אסתר גרינשפאן פון 75 באלדווין סטריט און די געבוידע איז אינשורט

פון וואנען דער פייער האט זיך אנגעפאנגען איז ניט בעקאנט אבער עס האט אנגעפאנגען צו ברענען אויפ'ן צווייטען שטאק.

די הויז איז עפעס א שלימזלדיגע און פייער טשעפעט זיך צו איהר, פאר דיא לעצטע עטליכע מאנאטען זיינען שוין דארט געווען עטליכע פייערען.

שבת ביי נאכט האט אויך אויסגעבראכען א פייער אין 111 יוראן סטריט דער פייער האט דארט פעראורזאכט שאדען אויף 100 דאלאר.

די הויז בעלאנגט צו מר. קליינ.

פאלט און ברעכט זיך אויס א פוס

מערי מאנטגאמערי פון 202 קווין סט. איסט, האט זיך אויסגעבראכען א פוס ווען זי איז נעכטען ארונטער געפאלען פון די טרעפ אין איהר וואהנונג.

זי האט זיך אונגליקליכערוויזע א גליטש געטהאן און איז ארונטערגעפאלען אלע טרעפ.

זי איז אבגעפיהרט געווארען אין סאנט מייקעלס האספיטאל.

נאך טויזענד דאלאר פאר די מלחמה קרבנות.

די זונטאגדיגע פערזאמלונג פונ'ם מלחמה קאנפערענץ האט זיך בעשעפטיגט מיט אויסהערען פערשיעדענע בעריכטען וועגען אונטערנעהמונגען, וועלכע דארפען ארראנזשירט ווערען, און וועגען וועלכע עס ווערט יעצט געהאנדעלט.

דער קאנפערענץ האט אויך בעשלאסען אבצושיקען נאך טויזענד דאלאר פאר די מלחמה קרבנות. דאס מאהל וועט דאס געלד געשיקט ווערען צו דער פיפעלס רעליעף קאמיטע.

מר. ה. וויינבערג
פרעזידענט פונ'ם 'אידישען זשורנאל'
שיקט
געלד־קיין רוסלאנד
לויט'ן טאגעס קורס
34C.
(פאר'ן רובעל)
מיר שיקען אייך טעלעגראפיש.
געלד געשיקט נאך אלע טהיילען פון
: : : דער וועלט. :

ליעבע, האס און ראכע

אן אינטערעסאנטער און שפאנענדער ראמאן

בעארבייט פון ל־ס־ר.

(184־טע פארזעצונג)

זי האט דעם צימער פערלאזען און איז צו דעם צימער פון איהר געביטערין וואו טרענק האט אויף זיין שוועסטער געווארט צוזאגאנגען.

ווען די טהיר האט זיך געעפענט, האט ער געמיינט דאס די שוועסטער קומט און האט זיך מיט א שטילען פריידען רוף אויפגעהויבען, דאך ערשראקען איז ער געבליבען שטעהן אלס ער האט דער קאמערמעדכען דערזעהען און צוטומעלט האט ער געשטאמעלט:

מיין גאט, ווייסטו ניט ווארום מיין שוועסטער קומט ניט צוריק?

ערשט יעצט האט ער דעם פערקרימטען און פערקימערטען געזיכט פון דאס מיידעל בעמערקט.

— אך, הערר באראן, מיין ליעבע גנעדיגע הערין וואלט שוין גערן געקומען, דאך הערר פאן ברענקען איז זעהר אויפגעבראכט און לאזט איהר ניט געהן.

— אך, איהר האט געברויכט צו זעהען וואס איך האב געזעהען! דארט אין איהר צימער זיצט די פרוי באראנין וויינענדיג און ברעכענדיג מיט די הענד נעבען איהר אפענעם שרייב טיש. — אויף דער ערד אויסגעשפרייט ליגען דיא גאלדשטיק און דער הערר באראן שטעהט נעבען איהר און לאזט איהר דעם צימער ניט פערלאזען!

— מיין גאט, ארימע עליזאבעטה, אזוי הארטהארציג, אזוי געפיהללאז איז ער? האט טרענק געשטאמעלט.

— און דאן האט ער מיר גערופען, האט מיר אהער געשיקט צו אייך גנעדיגער הערר, אום אייך פאלגענדעס איבערצוגעבען: דער הערר פאן ברענקען בעפעהלט אייך אויגענבליקליך זיין הויז פערלאזען, זאנסט וועט ער אייך גלייך לאזען ארעסטירען.

מיט א געשריי איז טרענק צוריקגעטפעלט און האט דאס מיידעל אנגעקוקט.

— וואס זאגסטו? האט ער געקייכט — ארעסטירען וויל ער מיר — מיר דעם ברודער פון זיין פרוי? אה, גאט, וואס איז דאס פאר א מענש — האט ער דען גאר קיין געפיהל אין זיין ברוסט?

אה, דו ארימע, ארימע עליזאבעטה! האט ער הערצרייסענד ווייטער געזאגט, אינדעם ער האט זיך האסטיג אבגעווענדעט, אום דאס מיידעל זאל דעם שמערץ פון זיין געזיכט ניט לעזען, איך קען זיך פארשטעלען ווי דו, מיין אונגליקליכע שוועסטער ליידעסט יעצט, ווי דיין הערץ שרייט נעגען די טיראניי פון דיין מאן.

— אה, מיין הערר שוואגער, ווען דאס וועט מיר בעשערט זיין, וועלען מיר זיך נאך אמאל ביידע אברעכענען!

ניט נור פאר די עלייריגונג וואס איהר האט מיר היינט פערורזאכט זאלט איהר מיר רעכענונג אבגעבען, נור אויך פאר דעם אונגליק וואס איהר האט אויף מיין שוועסטער געבראכט זאלט איהר מיר'ן שווערד אין האנד ענטפערען!

ער האט זיך אריינגערעדט און האט מיט זיין ציטערנדע האנד די הוט אנגענומען, דאן האט ער זיין טויט בלאסען געזיכט ווידער צו דאס מיידעל צוגעווענדעט.

— וואס יעצט, וואס איז יעצט — האט ער געמורמעלט: איך האב אזוי זיכער געגלויבט די הילפע צו געפינען און יעצט מוז איך אהן א פעניג אין טאש ווייטער געהן! דער ארימער שעלל זיצט דארט אין שענק הויז הונגעריג און קראנק — אה, דיעזער ברענקען, ווען איך וואלט דאס יעצט מיט איהם מיין רעכענונג געקענט מאכען!

וויפענדיג האט ער האסטיג דיא טהיר געוואלט עפענען, אהנע אויף דער בלאסער ציטערנדער מיידעל ווייטער צו אכטען, ווען פלוצלונג האט איהם מאריא די וועג פערשטעלט.

הערר באראן, האט זי בלייך מיט א זיפצענדען אטהעם געשטאמעלט, ווילט איהר מיר א גרויסען געפאלען טהאן? איך זעה, איהר זייט אין נויטה און איהר ברויכט יעצט געלד — און און — איך האב אויך ניט פיעל — עס איז נור צעהן דאלאר, דאס האט מיר יעצט מיט איינינע טעג צוריק די גנעדיגע פרוי א געשאנק געמאכט — און איך וויל דעם הערר באראן בעטען ער זאל פון מיר די צעהן דאלאר אננעהמען!

— מאריא האט טרענק ערגריפען אויסגערופען, אינדעם ער איז פאסונגסלאז צו דער וויינענדער מיידעל צוגעטראטען. חו, דוא, דו ווילסט מיר א געשאנק געבען?

— ניין, גנעדיגער הערר, דאס איז קיין געשאנק, די פרוי באראנין וועט עס מיר אבגעבען! ווען איהר ווילט עס פאר זיך ניט נעהמען, דאן נעהמט עס פאר אייער פריינד, וועלכער זיצט אין שענקהויז הונגעריג!

א זיפץ האט זיך פון טרענקס ברוסט ארויסגעריסען, שווייגענד האט ער דאס געלד וואס די מיידעל האט אויף'ן טיש אוועקגעלעגט צו זיך גענומען.

דער הימעל זאל דיר בעלוינען, האט ער אין א ווייכע ארום בלייך קוים אטהעמענדיג געשטאמעלט, — איך — איך קען דיר דאפיר ניט בעלוינען.

איך בין יא אזוי עלענד, מיין ארימע, ארימע שוועסטער — נעהמט איהר אין מיין נאמען, זאג איהר, דאס איך האף מיר וועלען זיך באלד ווידער זעהן — לעב וואהל!

ער איז פון טהיר ארויסגעשטורעמט און מאריא האט איהם וויינענדיג נאכגעקוקט. זי האט זיך גליקליך געפיהלט, וואס זי האט איהם מיט איהר געלד געקענט העלפען.

דארט נעבען פענסטער פון איהר שלאפצימער איז די באראנין געשטאנען זי האט געזעהען ווי איהר ברודער איז מיט א ווילדען האסט איבערן הויף געגאנגען זי האט געוואוסט דאס ער איז יעצט פערצווייפעלט און מיט א ביטער הארץ שיידעט ער זיך פון איהר הויז און מיט א ווילדען פערצווייפעלטען געשריי איז דיא אונגליקליכע פרוי אהנמעכטיג צום באדען געזונקען. דער באראן האט זיך האסטיג צום נעבען צימער צוגעווענדעט, א ווילדער הייזעריגער געלעכטער האט זיך פון זיין מויל ארויסגעריסען — אבער דעם יאמער און פערצווייפלונג פון זיין אונגליקליכע פרוי האט ער דאך ניט געוואלט צוזעהען.

וועהרענד ער האט די טהיר פון זיין צימער קראכענד צוריק אין שלאס געווארפען, האט ער געמורמעלט:

דער שורקע האט דאך בעסער ניט פערדיענט!

דאן האט ער אנגעקלונגען און האט מאריאן, דער קאמערמעדכען בעפאהלען, זי זאל זיך צו דער באראנין בעגעבען.

אין ווילדען האסט איז טרענק צום דארף שענק געלאפען. דער שמערץ האט פון איהם פאסט דעם זינען גערויבט און אלס ער איז צו שעלל'ן אין גאסט צימער אריינגעטרעטען איז שעלל ערשראקען צוריקגעטומעלט, אז ער האט דאס געזיכט פון זיין פריינד און די פערצווייפלונג וואס איז אין זיין בליק געלעגען דערזעהען.

— מיין גאט איז אן אונגליק געשעהען — ווי שרעקליך דו זעהסט אויס איז דיין שוועסטער קראנק?

טרענק האט זיין פערשטערטען בליק צו איהם אויפגעהויבען, ער האט אבער גאר ניט געענטפערט, אין זיין ווענען איז עפעס געלעגען, וואס עס האט שעלען טיעף דורכגענומען — אזוי פערצווייפעלט האט ער איהם אין גרעסטען עלענד אויף דער גאנצער רייזע נאך ניט געזעהען.

— דו האסט איהר געווים ניט געטראפען? האט איהם שעלל אנגרוהיג געפרעגט.

טרענק האט זיך שוין לענגער ניט געקענט צוריקהאלטען. די גאנצע ביטערקייט די שמערצען און האס וואס האט זיין הערץ אויסגעפילט האט זיך יעצט מיט געוואלד פון איהם ארויסגעריסען און מיט דעם פויסט אויף'ן טיש קלאפענדיג האט ער געברומט:

אה דיעזער שופט ווען איך זאל דאס איהם יעצט קענען בעצאהלען! — נים גענוג וואס ער האט מיר ווי א הונד פון זיין הויז דורכגעטריבען און האט מיר געדראהעט צו ארעסטירען קוועלט ער נאך מיין ארימע שוועסטער צום טויט, זי וועט דעם עלענדען לעבען לאנג ניט אריבערטראגען!

ער איז שווער נעבען טיש ניעדערגעזונקען און האט דעם קאפ אין זיין האנד אנגעשטיצט, ער האט זיך שוין א לאנגע צייט אזוי עלענד ניט געפיהלט. ווי אין דיעזען אויגענבליק.

עס איז גוט געווען וואס קיין אנדערע געסט זיינען אין הויז ניט געווען אזוי האבען זיי אונגעשטערט איינע מיט די אנדערע געקענט ריידען און באלד האט טרענק פאר זיין פריינד דאס גאנצע הארץ אויסגעגאסען.

שעלל האט איהם מיטליידיג אנגעקוקט און האט זיפצענד געפליסטערט.

ארימער פריינד, איך קען זיך פארשטעלען ווי דער אונגליק פון דיין שוועסטער טהוט דיר וועה! איך וואלט דאס קיין מאהל אויף דיין שוואגער געגלויבט, דאס ער זאל דיר אזוי בעהאנדלען און דו האסט דאך אלע דיינע האפנונגען אויף דער הילפע פון דיין שוועסטער אויסגעזעצט!

מיט א ביטערען געלעכטער האט יעצט טרענק די צעהן דאלאר פון טאש ארויסגענומען און האט עס אויף'ן טיש אוועקגעלייגט.

— דא, האט ער מיט די ציינער קריצשטענדיג אויסגערופען, איך האב אדך עס וואס געלד מיטגעבראכט די קאמער מיידעל פון מיין שוועסטער האט עס מיר געשענקט! כא, כא, כא! איז עס ניט ערעבטיג דאס איך האב פון דער דיענסט א געשאנק געמוזט אננעהמען אום איך זאל האבען מארגען וואס צו עסען.

— ווארהאפטיג, דער מאן מוז זיך פאר זיך אליין שעהמען, ווען ער איז דאס איבערהויפט פעהיג, ווען ער זאל וויסען ווי זיין דיענערין האט נעגען מיר געהאנדעלט, ער דארף זיך שעהמען דיא אייגען נעגען דער מיידעל אויפצוהייבען. דיע דיענערין איז ערעלער פון דעם הערר געווען!

(פארזעצונג פאלגט)

דיימאנדס

$1 $2 $3

וועכענטליך

איהר האט יעצט די געלעגענהייט צו האבען דעם פיינסטען דיימאנד אדער אנדערע דזשועלערי דורך דאס קרעדיט סיסטעם פון דזשייקאב בראדערס. דיימאנדס ווי עס איז בעוואוסט ווערט אלע מאל טייערער און עס איז אן אייביגקייט.

מיר געטרויען יעדען ערליכען מענשען זא דאס איהר האט די געלעגענהייט צו קויפען ביי אונז דיימאנדס מיט דיא לייכטעסטע אבצאהלונגען.

ספעשעל דיסקוינט 10 פראצענט פאר קעש.

דזשייקאב בראדערס 15 יאנג סט. ארקייד.

TERDIMAN'S

כשר וואורשט פעקטארי

איהר בעקומט ביי אונז אימער די געשמאקסטע, פרישעסטע און בעסטע מאסטעד. שעם. ווארושט. סארלאמא. פאסטראמא. צונגען און אלע סמוק פליישען און פיש.

פערלאנגט איבעראל טערדימאנ'ס כשר פאסטראמי מיט'ן רויטען לייבעל.

266 פארלאמענט סטריט

טעלעפאן מיין 909

ארדערס דעליווערט איבעראל.

נאטיס

פרעסטאן

ספרינג האטעל

פרעסטאן אנט.

איז ערעפענט געווארען

דעם 1־טען דושון

אונטער דעם מענעדזשמענט פון דעם בעקאנטען רעסטאראן קיפער

ל. רייזמאן

מענער און פרויען וואס ליידען פון רהומאטיזם, אדער פערשידענע אנדערע קראנקהייטען קענען בעהויפטען

מינעראלס בעדער

וועלכע וועט זיי פאלקאם צום געזונד ערהאלען. אויך די יעניגע וואס ווינשען די זומער מאנאטען פערבריינגען איז דיעזער פלאץ בעקאנט אלס דער בעסטער זומער־רעזארט אין קאנאדע פאר די מינעראלע וואסערען. לופט און פראכטפאלע נאטור געגענד.

די פרייזען זיינען מעדרייט און פאסענד פיר יעדען איינעם. אויב איהר דענקט צו קומען איז ראטהזאם זיך אנצומעלדען נאך אינפארמאציא גארפינקעל, 117 קווין וועסט

סיטי דיירי מילך — דארף געברויכט ווערען אין יעדען הויז ווייל זי איז די בעסטע

טעלעפאנירט קאל. 2040

נוצט

מילנ'ס קוילען

די קוואליטעט דאפון וועט אייך געלד שפארען

אפפיס: 88 קינג איסט — טעלעפאן: מיין 5597

פריוואט בראנטש עקסטשיינדזשעס

על שלשה דברים

— העולם עומד —

שיקט געלד

— דורך —



מר. הערי וויינבערג

פרעזידענט פון "אידישען זשורנאל".

צו אייערע קרובים אין יוראפ

ראיעלע, אנשטענדיגע און פריינדליכע בעהאנדלונג איז מיין מאטא

איך שיק געלד נאך אלע טהיילען פון דער וועלט

און אויב דאס געלד ערגרייכט ניט דאס פלאץ בעקומט איהר די גאנצע פולע סומע געלד. איך מאך קיינע חשבונות אום אייך זאל גאר ניט בלייבען!

שיקט געלד פון פלאץ ווי אלע שיקען

קאנטרי אידען קענען אויך געלד שיקען דורך מר. וויינבערג. — די געלד מוז צוגעשיקט ווערען דורך א מאני ארדער און די אדרעס געשריבען אין רוסיש.

אפפיס:

251־253 קווין סטריט וועסט

טעלעפאן אדעלייד 3967

פערזיגעלטע טענדערס אדרעסירט צום אונטערצייכענטען און אינדאסירט טענדער פאר עקזעמענירונג ווער האוז טאראנטא אנט. וועלכען ערהאלטען ווערען אין דיעזען אפפיס ביז 4 א זייגער נ. מ. מאנטאג יולי 17 1916 פאר אויפצושטעלען די אייבענדערמאהנטע געביידע.

פלענער, ספאסיפיקאציאנען און פארמען פון קאנטראקט קענען געזעהען ווערען און פארמען פון טענדערס קען מען בעקומען אין די אפיסעס פון מר. טהאמאס א. הייסטינגס קלויק פון ארבייט פאסט סטיישאן "פ", יאנג סטריט טאראנטא אנטעריא, און מר. ר. ל. דעשענדס סענטראל פאסט אפיס מאנטרעאל פ. ק. און פון דיעזען דעפארטמענט.

פערזאנען וועלכע גיעבען אריין טענדערס זאלען וויסען אז טענדערס וועלען ניט גענומען ווערען אין אנבעטראכט סיידען זיי זענען געמאכט אויף די פארמעס וועלכע ווערען ארויסגעגעבען און אונטערשריבען מיט דער געוועהנליכער אונטערשריפט, אנגעבענדיג די בעשעפטיגונג און פלאץ פון וואהנונג. פירמעס דארפען אנגעבען די בעשעפטיגונג און פלאץ פון וואהנונג פון זייער יעדען מיטגליד.

יעדער טענדער מוז אקאמפאנירט ווערען מיט אן עקספעטען טשעק פון א געטשארטערטער באנק צום ארדער פון דעם האנארייבעל דער ארבייטס מיניסטער, גלייך צו צעהן פראצענט (10 פראצענט) פון דער סומע פון טענדער, וועלכער וועט פערהאלטען ווערען אויב די פערזאן וועלכע גיט איין דעם טענדער ענטזאגט זיך צו מאכען אן אגרימענט, ווען מען פערלאנגט עס פון איהר אדער פעהלט צו פערענדיגען די ארבייט לויטען קאנטראקט אויב דער טענדער ווערט ניט אנגענומען ווערט דער טשעק צוריקגעקעהרט.

דער דעפארטמענט פערפליכטעט זיך ניט אנצונעהמען דעם נידעריגסטען טענדער

ביי ארדער.

רר. סי דעסראטשערס

סעקרעטער.

דעפארטמענט פון פובליק ארבייט.

אטאווא יוני 16 1916

צייטונגען וועלען ניט בעקומען בעצאהלט פאר דיעזען אדווערטייזמענט אויב זיי שטעלען עס אריין אהן דער אויטאריטעט פונ'ם דעפארטאמענט.

זעהט וואו איהר געהט

צו עקזאמינירען אויגען און פאסען ברילען געהט צו

ס. ראבקין

וועלכער איז צו הונדערטער בעוואוסט פאר דיא לעצטע 12 יאהר אלס דאקטאר און אפטיקס, פון זיינע פאציענטען וועלען אייך צוגעבען, אז דורך זיינע געפאסטע גלעזער זיינען זיי בעפרייט געווארען פון קאפ שמערצען און נערוועזיטעט, ווען אנדערע זיינען געהאלפען געווארען, ווארום נים איהר?

ס. ראבקין אויגען ספעציאליסט 660 באטהורסט סט. קאר. הארבארד, טעלעפאן קאלעדזש 1270, אפפיס שטונדען ביז 9 אוהר אבענדס. האספיטאל פרעסקריפשיאן אויסגעפיהלט צו מעסיגע פרייזען.

חתן כלה

זאלען דאס נעהמען אין אכט!

מערידזש לייסענס

קאן מען קריגען אין אפפיס פון

אידישען זשורנאל

נאטיס! נאטיס!

די יעניגע וואס וועלען דא נעהמען זייערע מערידזש לייסענס וועלען קריגען געדרוקט א שעהנעם בעריכט פון זייער חתונה פריי.

בענוצט זיך מיט דיעזע געלעגענהייט!

אדרעס פון דעם זשורנאל:

251-253 קווין וו.

אויב איהר ווילט שפארען געלד אין דער יעצטיגער מלחמה צייט?

שיקט אייערע אלטע קליידער

— צו —

ל. ווהייט און סאנס

270 קווין סטריט וועסט

די בעסטע אידישע קלינערס, פארבערס, פרעסערס און ריפיירערס און מיר וועלען מאכען אייערע קליידער ווי נייע.

טעלעפאנירט ערעלייד 2015

מיר רעניגען פולל דרעסס סוטס, פרינץ אלבערטס און סילק העטס פיר חתונות און בעללער.

פלאמבינג

גוטע ארבייט און ראיעלע בעהאנדלונג ווערט גאראנטירט ביי

מ. טישלער

131 פאלמערסטאן עוו.

טעלעפאן קאלעדז'ש 1276.

איך נעהם אייערע אלטע פלאמבינג, פאר א טהייל געלד וואס די נייע וועט קאסטען.

פלאמבינג

געמאכט

צו בילליגע פרייזען גוטע און טענלע בעהאנדלונג

ס. לאיעווסקי

10 דיארסע סטריט

פאן קאל. 7747.

ביי די בני ציון איז געעפעסט א בעשלוס צו בעטען אלע ציוניסטען צו טרינקען

אוילבוים'ס טהעע

ווייל די אוילבוים טהעע קאמפאני גיט 10 פראצענט פון די ביזנעס פאר דעם אידישען נאציאנאל פאנד און דארום בעטען מיר אלע ציוניסטען און אויך אלע אידען אין גאנץ קאנאדע צו קויפען נאר

אוילבוים טהעע

אלע אידען ווייסען אז דאס געלד פון נאציאנאל פאנד ווערט נישט פערברויכט פיר קיין אנדער זאך ווי נאר צו קויפען לאנד אין ארץ ישראל. און אויב איהר קענט אליין נישט צוהעלפען מיט אייער געלד, דאן העלפט וועניגסטענס צו, אז דאס געלד זאל אריין קומען פון דעם וואס ער וויל עס געבען. און די איינציגע זאך וואס איהר דארפט טהון איז צו זעהען, אז אין אייער הויז זאל געטרונקען ווערען נאר אוילבוים'ס טהעע. ווייל ערשטענס איז אוילבוים'ס טהעע די בעסטע אין גאנץ אמעריקא, און צווייטענס וועט איהר דאמיט העלפען אויפבויען ארץ ישראל פאר די אידען.

קויפט אידען אוילבוים'ס טהעע. איהר זאלט זעהען, אז אייער גראסערי זאל עס פאר אייך בעזארגען. און זעהט אז אויף יעדען פעקעל זאל זיין א סטעמפ פון דעם נאציאנאל פאנד. אויב אייער גראסערי האט עס נאך נישט, לאזט אונז וויסען, וועלען מיר עס שוין פערזארגען.

M. OELBAUM

15 Grange Ave. Toronto Ont.

Phone College 3919

פייער ארדזשאסטערס פאר די אינשורערס

ווען עס טרעפט ביי אייך א פייער היינט ביינאכט טעלעפאנירט מיין 8739, ביינאכט הילקרעסט 2087. קאנאדיען ארדזשאסטמענט און אינספעקשאן ביורא 84 וויקטאריא סט.

ארבייטער פערלאנגט

פערלאנגט

— ביי —

THE T. EATON CO.
LIMITED

קלאוק קאטערס אויך קלאוק און סקוירטס אפרייטארס

נאכפרעגען

פעקטארי עמפלאימענט אפיס

16 לואיזא סטריט

פערלאנגט

מיידלאך און באיס צו ארבייטען ביי טאבעקא

סטעדי ארבייט גוטע וויידזשעס בעצאלט

נאכפרעגען ענדרו ווילסאן אנד קאמפאני לימיטעד 10 פראנט סטריט וועסט

פערלאנגט א באטען האל טאקער עקספיריענסד ניט נייטיג בלום 190 ריטשמאנד וועסט ערשטען פלאר.

7327—22—6

פערלאנגט א עקספיריענסד סקוירט אפרייטאר נאכפרעגען 510 קווין וועסט.

7332—22—6

א פלאמבער אדער א בלעכער דארף מען האבען און א באי צו לערנען פלאמבינג און בלעכער ארבייט די בעסטע געהאלט צו איין גוטען מאן נאכפרעגען 38 ארטהור סט.

7331—6—22

פערלאנגט

עקספיריענסד סיילס ליידים און טרימערס ביי מילינערי. גוטע וויידזשעס. סטעדי ארבייט. נאכפרעגען 322 קווין וועסט.

7339—21—6

פערלאנגט א גוטען בלעכער נאראנטירט א גוטע שטעלע סטעדי ארבייט. פאר א ריכטיגען בעל מלאכה. שבת ארבייטען ניט נויטיג בלויז אויפ'ן פערלאנג.

נאכפרעגט 10 דיארסי סטריט.

7320—6—20

איך קויף סעקאנד הענד פארניטשור און צאהל דעם בעסטען פרייז און גיב אייך קעש. איהר קענט מיר טעלעפאנירען דזשאנקשאן 2608

73305—23—6

פערלאנגט א שניידער און א סיעם פרעססער, אויף מיליטער ארבייט. סמיטה 77 פעטער סט.

7317—1996

פערלאנגט אפרייטארס און פינישערס פאר פענטס.

נאכפרעגען 111 עדילעיד סט. וועסט טאפ פלאר.

7321—6—20

פערלאנגט מענער צו ארבייטען אין א מאטראצען פעקטארי, מענער וואס האבען געארבייט ביי אייזען ארבייט, ריוועטערס אונד באיס צו לערנען די אפאלסטערינג טרייד. נאכפרעגען אנטיסע פעטיק בעדדינג קא. 187 פארלאמענט סט.

פערלאנגט א מיידעל פון 18 ביז 20 יאהר פאר אפיס ארבייט אלס אסיסטענט בוקקיפער. נאכפרעגען לעווינטערס 413 קווין וועסט

7196—19—6

ווער עס קען זיך אונטערנעהמען צו מאכען עטליכע הונדערט פאר סאלדאטסקע בריצעס זאל זיך גלייך מעלדען צו בוק און קא. 279 קווין וועסט, אינפארמיישאן אויפ'ן פלאץ.

דייוויז לין 799 קווין וועסט

בלעכער און ריפיירער פון סטאוווו און פוירנים. אלעס גאראנטירט.

24

סעלערס, פלארס און סיידוואקס

מעסיגע פרייזען, לייכטע אבצאהלונגען

99 מארייא סטריט דזשאנקשאן. דוד פלאטקין

25

איך ריפייער מאשינען אין טיילארינג שעפער ביליג ענד מוף טיילארינג פלענטס צופריעדענהייט גאראנטירט. דאס זעלבע אויסער טאראנטא. הערמאן, 130 וויליאמס סטריט פאן, אדלייד 192.

7041—6—30)

איך סעם קאטץ, פייפער העננער און פיינטער, לאז צו וויסען אלע מיינע קאסטומערס דאס איך האב געמופט פון 168 יוקליד עוועניו אין 56 אגוסט עוועניו.

איך פייפער און פיינט צו די בעסטע צופריעדענהייט.

טעלעפאן קאלעדזש 7607

1906—6—24

פייפער "הייננער און פיינטנער.

איך פייפער און פיינט צו דעם ביליגסטען פרייז. איך גאראנטיר אלע ארבייט. איהר קענט מיר לאזען וויסען דורך א פאסט קארד, שמוהלער 110 ד'ארסי סטריט.

7054—6—31)

BUSINESS CHANCES

ביזנעס קויפען און צו פערקויפען

צו פערקויפען א לוידיס טיילארינג, עטאבלירט 4 יאהר. האט א גוטע טרייד, רענט $200 א יאהר. אורזאכע פאר פערקויפען געהט אריין אין א מאנופעקטור ביזנעס. נאכפרעגען ביי

S, Kanner, Galt Ont.

7301—19—6

צו פערקויפען א פרוכט און סיגאר און סיגארעט סטאר קען מאכען א גוטען לעבען פאר פארטיקולארס נאכפרעגען אין 36 סטיישאן סטריט

7199—26—6

הויז צופערקויפען 21 $4000 קענזינגטאן עוועניו 8 רומס סייד אינטערעס ווארענדע בעסטע אימפראוומענטס לאט 19½ ביי 110 נאכפרעגען אין 55 אקספארד סטריט

7332—6—21

קאטעדזש צופערקויפען, $1000 175 מאנארא סטריט, אין א גוטע אינוועסטמענט פארענט צו איין דזשאנקשער פעקטארי לאט 20 ביי 8', נאכפרעגען 55 אקספארד סטריט.

73332—6—21

צופערקויפען א פערד פאר לייכטע ארבייט $35 נאכפרעגען 150 באלדען סט.

9329—6—20

Real Estate

צו פערענטען

א פלעט פון 4 אדער 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס ספערעט גנז. נאכפרעגען 246 בעלוואדס עוועניו

צו פעררענטען א פלעט פון 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס ביליג רענט נאכפרעגען 11 פהיבי סטריט.

7308—6—19

צו פעררענטען א פלעט אדער א ראנסמערס, אלע קאנוויניענס, סטאוו און קיטשען, נאכפרעגען 227 בעווערלי סט.

7302—20—6

זעהר א פיינע פורנישד רום מיט אלע אימפרואווומענטס, אויך א טעלעפאן אין א רעספעקטייבל הויז צו רענטען פאר א בכבוד'ן מענשען. נאכפרעגען 108 באלדווין סטריט, טעלעפאן קאל. 6903

7183—30—6

צו פערקויפען א עטאבלירטע גראסערי ביזנעס מאכט ביזנעס ביז $300 קעש יעדער וואך, דער בעסטער אידישער געגענד, גוטע הויז צו וואהנען און ביליג רענט, נאכפרעגען 104 מיידזשאר סט.

718[illegible]—20

צו פעררענטען א גרויסע פראנט רום אפסטערס, 159 סט. פעטריק סט. ביליג רענט

25—22—6

איך זוך א סטאר אהער א הויז צו רענטען ביז 30 דאלאר א מאנאט עס מוז זיין קאנוויניענס פאר מיינע ביזנעס ניט ווייטער פון באטהורסט י. שטיינער מצבה מאכער 118 דעניסאן עוו.

7326—27—6

צו פעררענטען 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס אין 246 סימקא סטריט.

7337—6—22

צו פעררענטען 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס אין 246 סימקא סטריט.

7337—6—22

איבערצוגעבען א גראסערי אין א אידישען נעגענט, אורזאכע פון איבערצוגעבען וועט ערקלערט ווערען אויף דעם פלאטץ 76 עדווארד סט. מר. מאס קאוויטץ.

7734—22—6

צו פעררענטען א גרויסע דאבעל פארלאר גוט פאר א קלאב רום 155 ירדאן סט.

7338—6—22

נייעס נייעס

דער סופר פון 190 טשעסנאט האט געמופט 83 עדווארד סט.

7309—24ה6

„אויף שמחות און אונטערהאלטונגען"

ביי א פערלאבונג פון מר. פיליפ ראטמאן צו מיס דזשעני העפט איז געזאמעלט געווארען פון דזשא. באריקס פון 369 קווין איסט $12 פאר די מלחמה קרבנות.

דאס געלד האט געבראכט בעקי ווישנעווסקי און סעם נאטליב.

3247

ערהאלטען פון מר. מאנונג פון לאנסדוין אווי. $1.00 פאר מלחמה קרבנות.

2244

אויף איין פארטי ביי הערי בלום 69 סט. פעטריק סט. איז געזאמעלט געווארען 10.25 פאר די מלחמה קרבנות די געלד איז איבערגעגעבען ביי ביידע זיי דארם בלומסטיין ענד האווענט אונד מיר דאנקען זייער מר. זוסמאן פיגעלסקי פאר זיין פיין שפילען אויף די פארט.

2248

אויף א חתונה ביי מר. ראנהער 360 קווין איסט איז געזאמעלט געווארען 13.01 דאלאר פאר די מלחמה קרבנות די נעלט איז אריינגעבראכט געווארען צום טרעזשורער מיסטער וויינבערג ביי מיס בעסי ראזען ענד היימי סאגעל

2241

אויף א חתונה פון מר. קרעהם און מיסס בערקאוויטץ האט מען געזאמעלט $28.20 וועלכע סומע איז פערטיילט געווארען אויף פיער טהייל. $7.20 אויף תלמוד תורה, וועסט ענד און $7.00 אויף סימקאו סטריט ת"ת פאר די מלחמה קרבנות $7 און צדקה כללית $7.00

2245

יעדע נערוועזע קאפ שמערצען געהיילט! נוצט נערוועלין,—עס וועט ניט פערפעהלען

די וואנדערבארע היילונגס קראפט פון דיעזען ליניםענט פערפעהלט ניט רייבט איין נערוועלין.

עס קענען זיין טויזענדער שמערצען, דאך איז סיאטיקא און נעוראלגיא איז דאס ערגסטע, די מעהרסטע רפואה זענען ניט שטארק גענוג און ניט דורכ־ איז דאס ערגסטע די מעהרסטע רפואה. איהר ווייסט אלעס וואס איהר האט פרובירט האט ניט געבראכט די געווינשטע הילף און איהר דענקט אז איהר מוזט שוין ליידען פון נעוראלגיא פאר אימער מאכט ניט אזא טעות, פרובירט „נערוועלין".

לאירט עס אן אויף דעם שמערצענדען פלאץ, בעמערקט די קראפט וועלכע דרינגט אריין טיעפער און ווייטער, ווי נערוועלינס היילונגס קראפט דרינגט אריין טיפער אין די צעלען, ווי שנעל די שמערצען ווערען אפגעשטעלט, ווי שנעל עס ווערט אפגעשוואכט! אין א קליינער ווייל פערגעסט איהר די שמערצען — זיי פערשווינדען.

NERVILINE

נעוראלגיא, גיעט נערוועלין א געלעגענהייט צו ווייזען איהר גרויסקייט איבער אלע אנדערע ליניםענטס, עס איז ניט קיין כשוף, ווי איהר דענקט נאכדעם ווי איהר נוצט עס—בלויז אן פליקיישאן פון וויסענשאפטליכען וויסען צו היילען די שמערצען.

נערוועלין איז א גרויסער רעזולטאט פון מאדערנער מעדיצינישער וויסענשאפט איהר קענט אהן דעם ניט אויסקומען, ווייל שמערצען קומען שנעל און קומען צו אונז אלעמען.

גאראנטירט צו היילען די שמערצען און וועהטאגען פון דער גאנצער פאמיליע.

א גרויסע באטעל 50 סענט, טרייל סייז 25 סענט; אין דראגסטאר אדער ביי די קאטהאראזאן קא. קינגסטאן קענעדע.

(פארזעצונג פון פיידוש 4

לאד אליין וואלט שוין דאן געווען אוממעגליך צו קעמפפען געגען דייטשלאד.

אז דייטשלאנד קען ניט ארויסגעהן די (יעגערין קאן יעדערער, וועלכער האט נאר אפענע אויגען איינזעהען קלאהר. זי האט בעקעמפפט בעלגיען, פארניכטעט סערביען און רואינירט פראנקרייך ביז זי איז געקומען צום ברעג ים און דארט האט זי געפונען אז זי איז פערצאמט ווי א מויז אין א פאסטקע און קען ניט ארויסגעהן. און מעג זי זאגאר גאנץ פראנקרייך פארניכטען וועט זי דאך אלץ בלייבען איינגעצאמט מיטען ים און ניט קענען ארויסגעהן און דאס איז דאך ניט וואס זי האט געוואלט. זי האט דאך געוואלט א פרייען אויסוועג איבער די ים'ן צו קאלאניעס און מעגט איהר זיין דער גרעסטער אנהייגנער פון דייטשלאנד, קענט איהר דאך פאר קיין פאל ניט גלויבען אז עס קען איהר אמאל געלינגען צו בעקעמפען די דריי גרויסע פלאטעס פון איהרע געגנער.

אבער א חוץ דעם אלעם האט זי שוין פארלוירען אין דער מלחמה אלעס וואס זי האט געקענט האפען צו געווינען. דער גאנצער קאמפף איז דאך דא פאר נייע „מארקעטס", נייע קאלאניעס אבער ניט נאר קען זי שוין מעהר ניט געווינען קיין נייע קאלאניעס, נאר זי האט שוין אויף אייביג פארלארען די קאלאניעס, וואס זי האט ווען געהאט. איהרע קאלאניעס אין אפריקא האט מען ביי איהר צוגענומען און עס וועט נעהמען לאנג און זי וועט אויך פארלירען דאס לעצטע שטיקעל פלאץ, וואס זי האט אין איסט אפריקא. און זי קען דאך שוין קיין מאל ניט האפען צו קריגען עס צוריק, ווייל זי קען דאך נאר שיקען צו זיי הילף דורכ'ן ים און דאס קען זי דאך ניט און וועט דאס קיין מאל ניט קענען. דער גרויסער סאציאליסט, בעבעל, האט דאס פאראויסגעזעהן מיט יאהרען צוריק און ער האט געווארענט דער פרייסישער רעגיערונג, אז אויב זי וועט נאר אריין אין א קאלאניעל פאליטיק מיט ענגלאנד, וועט זי פארלירען איהרע אלע קאלאניעס.

עס איז א פאקט, אז ענגלאנד פארלירט פון אנפאנג אין יעדער מלחמה, געווינט אבער אימער צו לעצט (איין אייסנאמע איז די קריעג מיט אמעריקא). זי איז קיין מאל ניט פארטיג צום קריעג פון אנפאנג, זי מארקירט אבער אימער אויס צו זיין שטארק גענוג צו געבען דעם לעצטען קלאפ. און דאס זעלבע איז אויך אין דער יעצטיגער שלאכט, זי מאכט זיך יעצט פערטיג מיט איהר גרויסער ארמיי וועלכע וועט איהר פיהרען צום זיעג. זאגאר אין דייטשלאנד פאנגט מען דאס שוין אן איינצוזעהן, און דערפאר מאכט דער סאציאליסטישער רוף צו פריעדען אזא גוואלדיגען פארטשריט. דארט צווישען פאלק.

פערזיעגעלטע טענדערס אדרעסירט צו דעם אונטערצייכענטען און אינדאסירט „טענדער פאר סאפלייאינג קאול פאר די דאמיניאן בילדינגס", ווערט ערהאלטען ווערען אין דיעזען אפיס ביז 4 אוהר נאכמיטאג, מיטוואך יוני דעם 28־טען 1916 צו בעזארגען מיט קויהלען די עפענטליכע געביידעס פון דערדאמיניאן.

קאמבינירטער ספעסיפיקיישאן פארם און פארם פון טענדער קאן מען בעקומען אין דיעזען דעפארטמענט און אויך ווענדענדיג זיך צו די אויפזעהער פון די פערשיעדענע דאמיניאן בילדינגס.

פערזאנען וואס שיקען אריין טענדערס ווערען דא געלאזט וויסען דאס טענדערס וועלען ניט גענומען ווערען אין אנבעטראכט סיידען זיי זיינען געמאכט אויף די געדרוקט פארמס ווי פערזארגט, און אונטערגעשריבען מיט זייער ריכטיגער אונטערשריפט.

מיט יעדען טענדער מוז געשיקט ווערען אן אקצעפטירטער טשעק אויף א טשארטערד באנק, צאהבאר צום ארדער פון דעם האנארייבל דער מיניסטער פון עפענטליכע ארבייט, אויף א סומע פון צעהן פראצענט (10 פראצענט פון דער סומע וואס דער טענדער טרעפט אן, וועלכער וועט קאנפיסקירט ווערען אין פאל די פערזאן וואס שיקט דעם טענדער ענטזאגט זיך צו מאכען א קאנטראקט ווען מען פאדערט עס פון איהר, אדער די פערזאן האנדעלט ניט לויטן קאנטראקט.

אויב דער טענדער ווערט ניט אנגענומען ווערט דער טשעק צוריקגעקעהרט.

ביי ארדער

ר. סי. דעראשער

סעקרעטער

דעפארטמענט אף פובליק וואירקס

אטטאווא, יוני 7, 1916

צייטונגען וועלען ניט קריעגען בעצאהלט פאר דיעזען אדווערטייזמענט אויב זיי דרוקען איהם אהן אן ארדער פון דעם דעפארטמענט.

7147—21—6

הודעה מהרב מאיר צבי לעוויא

איך בין מודיע צו אלע אידען פון טאראנטא אז די שלאכט הויז פון וו. דייוויס און קאמ. איז אונטער מיין השגחה איך בין אליין יעדען מאהל ביי די שחיטה ובדיקה עס גייט צו מיט די גרעסטע השגחה נאך אונזער שלחן ערוך און דער וואס וויל עסען כשר פלייש באמת אן שום זייטיגע פניות דארף זיך עכסט צו פרידען שטעלען מיט דיזע כשרות.

ביי א חתונה פון מר. רזשא סטיין פון טארנטא צו מיסס זעראסקי פון סענט קעטרינס איז געזאמעלט געווארען דורך מ. סטיין $15 פאר די מלחמה קרבנות

3246

א שעהנע חתונה

זונטאג דער 8־טער יוני איז געפייערט געווארען די חתונה פון רזשאו זאמעראנץ מיט ראוז נעראפסקי אין 337 בערקלי סטריט.

עס איז געוועזן א צאלרייכער בעזוך פון געסט פון ביידע צדדים און דער עולם האט זיך זעהר גוט אמוזירט.

אלע זיינען געווען איינשטימיג אז די חתונה איז א מזל'דיגע.

מלחמה קרבנות

אויף דער חתונה פון דזש. פאמעראנץ מיט ראוז נעראפסקי איז געזאמעלט געווארען פון חזן מאנאוויטש און מר. און מרס. פריעדמאן די סומע פון $11.50 פאר די מלחמה ליידענדע.

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.
NY WINDOW CLEANING CO.

פאטראנייזט די איינציגע אידישע ווינדא קליינינג קאמפאני ——

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, פעקטארי, אפפיסעס און סטאר קליינינג. בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך אונד יעהרליך. 10 טעראלי סטריט. טעלעפאן אדעלייד 3087.

ביינאכט און זונטאג, ג. לעפאנירט קאלעדזש 431

NEW YORK WINDOW CLEANING COMPANY, - 10 TERAULEY ST

מיטינג פון פאלקס פעראיין זונטאג.

דער מיטינג וועלכען דער פאלקס פעראיין רופט בנוגע דער כשרות פראגע וועט שטאטפינדען זונטאג דעם 25־טען אום צוויי א זייגער אין ליריק טהעאטער.

מ. בראון אונד קאמפאני

קאסטאם האנד בראקערס אויף אלערהאנד אינשורינגס איידזשענטס פיר

Ocean Abcedent Guarantee Corporation Ltd of London Eng

מיר קענען פליסען אייער ארדער, פארניטשור אין סטאק אינשורינגס אי. דער דערמאהנטער קא. וועלכע איז איינע פון די גרעסטע ענגלישע קאמפאניעס טעלעפאנירט, אייערע ארדערס פיר אינשורינגס, איהר שיקט אריין אייערע אינוויסעס וועלכע וועלען שנעל אין פינקטליך אטענדעט ווערען.

37 Yonge St. M. 2485 — Res. 147 Seatoo St. M. 2364

פעדלערס און סטאר קיפערס

די בעסטע סגולה אנצוהאלטען קאסטומערס און צו מאכען געלד איז צו קויפען דרייגודס, ריינקאוטס, מענס גודס, דזשועלערי און נאוועלטיס ביי קאפלאן און קא.

האלסייל און דזשאבער 229 קווין סטריט וועסט טאראנטא, דער בעוואוסטער האלסייל פלאץ וואו פיעל פעדלער זיינען בערייכט געווארען. די שאבלאנס זיינען שטענדיג רעדי. ארדערס פינקטליך אטענדעט.

קאפלאן און קא. דזשאבער 229 קווין סטריט וועסט. טאראנטא

טעלעפאן ארעלייד 3772.

קויפט איהר נייע מעבל אדער קליידער, קויפט איהר א נייעם בייסיקעל, פערד, אדער אויטאמאביל, קויפט איהר א נייעם הויז — דאן פערזיכערט עס ביי מיר איך רעפרעזענטיר איינע פון די בעסטע, רייכסטע קאמפאניעס אין דער וועלט. — גיט מיר די ביזנעס דירעקט. — איך וועל אייך, פינקטליך, ארענטליך בעדיענען. — טעלעפאנירט, שרייבט, אדער קומט צו מיר.

ראיעלע בעהאנדלונג

דער איינציגער אידישער אגענט אין קענעדע וואס שרייבט פאליסעס אין זיין אפיס.

שפרעך עס דורך'ן טעלעפאן.

עמנואל י. קענען, 24 טאראנטא סטריט.

ביי מיר זייט איהר פערזיכערט פון דעם מאמענט. איהר טעלעגראפירט, אפילו אין מיטען נאכט. — זאגאר ווען איהר קריגט קיין רעסיט — בלויז ווען איך פער־

EMANUEL I. KENEN
General Insurance Broker
24 Toronto St.
Telephone M. 4711 M. 2010
Marriage Licences Issuer

דאס איז דער

חזן קאפלאן

וועלכער האט פאזעטיוו פער דיענט פון אלע אידען פאטריניזיר צו ווערען די וואס קענען חזן קאפלאן, פער די לעצטע 10 יאהר, אין טאראנטא, ווייסען עס

דארום טהוט אייער מענשליכע פליכט און פאטראנייזט דעם יענעם וועלכער האט פערדיענט פאטראניזיר צו ווערען רעוו. מ. קאפלאן 166 רזשאן סט.

טעלעפאן עדלייד 1545, אפפיס טעלעפאן ערלייר 239.מוהל און מסדר קידושין איך גיב מערידזש לייסענס פריי צו אלע חתן כלה.

אברהם קאהען

בארריסטער
נאטארי פאבליק
קאמישאנער פיר נעהמען
אפידייוויטס
Office, Sun Life Building
69 VICTORIA STREET
Main 2684
Residence, 7 Salem Ave. | JUNCTION 1846

דר. מ. קייטס

דענטיסט
218½ קווין סטריט וועסט
קארנער קווין און מעקאל סטריט
DR. M. KATES, Dentist
218½ Queen St. West
Phone Main 979

Toronto Wet Wash Laundry

Company, Limited

ספארירט ניט אייער געלד און געזונד. גיט אונז אייער לאונדרי, מיר וואשען פאמיליע וועש.

דרעסד 30 פונט — 75 סענט. ראו טרוקען, 30 פונט, 1 דאלאר. יעדער וואשינג ווערט געוואשען בעזונדער.

291 ARTHUR STREET
Phone Parkdale 5280-5281

דער גרעסטער אנטיסעפטישער מוהל
און
דער מאדערנסטער מסדר קדושין
אין טאראנטא.

איז

קאנטאר וואלאדאווסקי

רופט מיך און איבערציינט אייך. קאנטרי' לייט קענען מיך אויך אנגאזשירען פאר שמחות. מיין וואהנונג איז 62 בראנזוויק עוועניו, און מיין פאן נומער איז 1076 קאלעדזש.

פיר ארימע אומזיסט.

CANADIAN GOVERNMENT RAILWAYS
INTERCOLONIAL
PRINCE EDWARD ISLAND RY.

באנאווענטשור יוניאן דעפא. מאנטריאל.

אושען לימיטעד	געהט אב 7.25 נאכמיטאג	טעגליך

מאריטים עקספרעסס
טעגליך, אויסער שבת. 8.15 מארגענס
סליפערס פאר דער גאנצער רייזע.
טאסטרפא, און האליפאקס
קאנעקשאן פאר סיינט רזשאהן, די סידניס פרינס עדווארד איילענד, ניופאונדלאנד.
ע. טיפפין דזשענעראל וועסטערן איידזשענט 51 קינג סטריט איסט, טאראנטא, [illegible]

הודעה מהרב מאיר צבי לעווי 108

באלדווין טעלעפאן קאלעדזש 6908.

איהר געפינט מיך צו יעדער צייט אין הויז צו ענטפערען אלע רבנישע ענינים דהיינו שאלות, דין תורות, עצות, טובות בין איש לאיש, אויך צו סעטלען אלערליי פראבלעמס ביטווין מאן אונד פרוי נאכ'ן אידישען דין און אויך סדרי קדושין. ווארום זאלט איהר אין אזא שלעכטער צייט אוועק ספענדען אומזיסטע געלד אויף אלערליי נארישקייטען, ווען איהר קענט בעקומען חופה וקדושין ביי מיר אין הויז מיט די בעסטע צופרידענהייט, אפילו מערידזש לייסענס וועל איך אייך פערזארגען. גאט וועט אייך געבען א גוטען מזל אין מיין הויז.

קומט אין הויז, אדער טעלעפאנירט אויף דעם אויבענדערמאהנטען אדרעס.

חזן מאנאוויץ
מוהל ומסדר קדושין

אלע זיינען שוין איבערציינט אז [illegible] איז א פיינסטלער א מוהל, און מסדר קדושין. רופט איהם און איבערציינט זיך אדרעס 233 בעווערלי סט. טעלעפאן קאלעדזש 2033.

די געלעגענהייט פון נוי אנטאריא

די געלעגענהייטען פון נארט אנטעריא וויסט איהר די פיעלע געלעגענהייטען פון נארט אנטאריא מיט איהרע מיליאנען פרוכטבארע אקער לאנד אבגעגעבען צו די יעניגע וועלכע ווילען זיך בעזעצען אויפ'ן לאנד.

ווייסט איהר דאס די זעלבע רייכע אגריקולטור לאנד, וועלכעס מען קען דערהאלטען כמעט אין גאנצען פריי אדער פיר א קליינע סומע געלד, פראדוצירען שוין די בעסטע תבואה אין דער וועלט.

פיר ווייטערע אויסקינפטע, פיר ליטעראטור וועלכע בעשרייבט דעם אויבענגענעמאהנטען געגענד, שרייבט צו:

דזש. ה. פערגוסאן
מיניסטער אף לענדס, פארעסט, און מיינס.
פארלאמענט בילדינג
טאראנטא אנטאריא

ספעציעל רום סיסטעם

די וויליאמס

קארטיידזש און סטארייזש קא.
טעלעפאן קאלעדזש 252
דזשענעראל קארטיידזש איידזשענטס.
36 ספעדיינא עוו. טאראנטא, אנט.

באגאזש, פיאנאס און אלע סארטען פארניטשור גענומען און געסטארד.

שטוב זאכען געפאקט און געשיפט ביי עקספערטען.

ווערהייזער: 551 קווין סטריט וועסט צוגעדעקטע וועגען. פלעזשור טריפס.

ווי דער זשורנאל בעליכט דורך זיינע פערשיעדענע אדווערטייזינג קאלומס, אלערהאנד געשעפטען און פראפעסיאנען:

אדווערטייזינג
פערלאנגט אדווערטייזינג
קלאסיפיצירטע אדווערטייזינג
ריעדערס
אלגעמיינע אדווערטייזינג
דיספלעי אדווערטייזינג
קלאסיפייד דירעקטארי אדווערטייזינג

קלאסיפיצירטע אדווערטייזמענטס:

ארבייט געזוכט
ארבייטער פערלאנגט
הייזער צו פעררענטען
הייזער צו קויפען
הייזער צו פערקויפען
ביזנעס צו קויפען
ביזנעס צו פערקויפען

1 סענט א ווארט טעגליך.
2 סענט א ווארט 3 טעג.
4 סענט א ווארט 6 טעג.
מינימום 15 ווערטער אן אדווערטייזמענט.

די נשמה פון ביזנעס איז אדווערטייזינג—

ווען איהר אדווערטייזט אייער נאמען אין דעם נאמען פון אייער פירמע אין דעם „אידישען זשורנאל", גרייכט איהר טויזענדער מענשען און איהר רעדט צו אלע. אדווערטייזט איהר אבער ניט, ווייסט פון אייך קיינער ניט איהר ווערט פערגעסען! איהר טהוט ווייניג ביזנעס און קענט ניט ערווארטען קיין ערפאלג.

ביזנעס ניט קיין אדווערטייזטע איז טויט

שטארבט זשע ניט פאר דער צייט, נור שיקט גלייך אריין אייער אנפראגע וועגען אונזערע פרייזען פאר אדווערטייזינג, אדער טעלעפאנירט און אונזער מאן וועט אייך ברענגען אלע אינפארמיישאנס.

אונזער טעלעפאן נומער איז: עדעלייד 3967

251־253 קווין סטריט וועסט

THE DAILY HEBREW JOURNAL
H. WINBERG, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
PUBLISHED BY
— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., LTD. —
251-253 Queen Street West Telephone Adelaide 3967
SUBSCRIPTION RATES: $3.50 PER YEAR
SINGLE COPY 1c.
Entered as Second Class Mail Matter at G.P.O. Toronto, Ontario
January 22nd, 1913

נאך טשערנאוויץ, דער האנדעל מיט רומעניען

טשערנאוויץ איז ווידער אין רוסישע הענד. דאס איז די וויכטיגסטע קריעגס־נייעס פון די לעצטע טעג, אזוי אז אפילו „מעשה־ווערדון" ווערט דערפון פערטונקעלט.

צוגלייך מיט דער ידיעה, אז טשערנאוויץ איז אין רוסישע הענד, און אז רוסלאנד רוקט זיך אויף די דייטשע ליניען און אויף לעמבערג, האבען אויך אנגעהויבען אנצוקומען די ידיעות וועגען רומעניען, אז זי ציינט ארויס איהר פריינדליכקייט צו די אלאיירטע, און דענקט שוין ווידער וועגען בעטהייליגונג אין דער קריעג אויף דער זייט פון די אלאיירטע מעכטע.

רומעניענס אריינטריט וואלט פון דעם מיליטערישען שטאנדפונקט בעדייט מעהר ווי א דעמאנסטראציע, און די מיינונג פון די מעהרסטע קריעגס־עקספערטען איז, אז די אלאיירטע האבען געמאכט דעם גרעסטען טעות, וואס זיי האבען ניט געצוואונגען רומעניען אויף זייער זייט, דאן ווען רוסלאנד איז געשטאנען ביי די קארפאטען בערג.

רומעניענס ראליע אין דער יעצטיגער מלחמה איז די גאנצע צייט געווען א קרעמערישע, זי האט גלייך פערלאנגט דעם געווינסטען פרייז.

— דערצו האט נאך רוסלאנד געדארפט ארויסווייזען איהרע פעהיגקייטען, אז זי איז נאך ניט דערשלאגען.

מיט רוסלאנדס זיעג בי טשערנאוויץ, וועט זיך ווידער אנהויבען דער האנדעל מיט רומעניען. וועט די דינגעריי דאס מאהל צו עטוואס ברענגען, דאן וועט די יעצטיגע רוסישע אפענסיווע פיעל בעדייטען פאר דער זאך פון די אלאיירטע מעכטע.

פעטש אין שוהל

איז'ם ארטהאדאקסישען לאגער פון דער אידישער אמעריקא רודערט זיך די לעצטע צייט, וועגען דעם, ווי אזוי צו פערשטארקען די יסודות פון דער אידישער שוהל און רעליגיעזע מנהגים בכלל, פון וועלכע דער יונגער דור ווערט אבגעריסען.

די אידישע ארטהאדאקסיע, וועגען וועלכער פיעלע האבען געדענקט, אז זי איז אונפעהיג עטוואס צו טהאן, האט מיט אמאהל ארויסגעוויזען, אז זי וויסט צו געהן מיט דער צייט. אמת דא און דארט, פיהלט זיך נאך אין איהר טהעטיגקייט דער פלגנות־טאן, ווען מען וויל בעקעמפפען אן אנדער אידישע גרופע מיט דער הילף פון'ם חרם און עהנליכע מיטלען, בכלל אבער האט די ארטהאדאקסיע ארויסגעצייגט דעם ווילען פאר בעפעסטיגען איהרע פאזיציעס און דאס טהוט זי מעהר אדער ווייניגער.

די אידישע ארטהאדאקסיע זוכט ניט נאר צו געווינען פאר זיך דעם ערוואקסענעם אידען, נאר זי וויל אויך צובינדען זיך דעם יונגען דור.

אויב דאס איז דער ווילען און שטרעבען פון דער ארטהאדאקסיע אין אלע שטעדט פון אמעריקא און קענעדע, איז עס אויך געווים דער פאל מיט דער היגער טאראנטער ארטהאדאקסיע. פיהרען זיך אבער די היגע ארטהאדאקסען אזוי, אז זיי זאלען באמת קענען צוציהען דעם יונגען דור צו זיך? זענען זייערע מעשים אזעלכע, וועלכע זאלען זיי ניט מעהר אבשטויסען? קען דער יונגער דור בעציהען זיך מיט ערנסט און אכטונג?

לוידער מוזען מיר ענטפערען, אז ווי די זאך איז, רופען די היגע ארטהאדאקסען ארויס גאנץ ווייניג רעספעקט צו זיך.

די שוהל אדער דער בית המדרש, איז ביי אידען תמיד געגאנגען צוזאמען מיט'ן ווארט „מקום קדוש." ווי אזוי איז עס אבער דער פאל אין די היגע שוהלען?

מיר ווילען זיך שוין ניט אבשטעלען אויף דעם, וואס אין איינער פון די גרעסטע היגע שוהלען קומען פאר פערשידענע אינטריגעס, וועלכע זענען גאנץ ווייט פון געפיהרט צו ווערען לשם מצוה.

פעטש אין מאנכע פון די היגע שוהלען איז שוין געווארען א גאנץ אפטע ערשיינונג. לעצטען שבועות, איז אין איינער פון די היגע קאנגרעגיישאנס אויף סענטער עוועניו פארגעקומען ביים דאווענען א פעטש־מלחמה, און דאס איז ניט דער איינציגער פאל. אט שרייבט אונז א לעזער:

געעהרטער הער רעדאקטאר!

ערלויבט מיר פלאץ פאר פאלגענדע ווערטער:

לעצטען פרייטאג אווענד, ווען איך בין צופעליג דורכגעגאנגען אין עדווארד סטריט, האב איך פלוצלונג דערזעהן א געלויף פון מענשען. דאס איז מען געלאפען צו נומער 107, וואו עס געפינט זיך די שוהל „קאנגרעגיישאן אנשי פוילען בני משה". איך בין אויך צוגעגאנגען, און געזעהן, ווי צוויי אידען מיט לאנגע בערד האבען זיך מערדערליך געשלאגען אין שוהל, און דאס בלוט איז געריננען. איך בין צוגעגאנגען צו א מעמבער פון שוהל, און איהם אויסגע'מסר'ט, ווי שעהמען זיך ניט אידען צו שלאגען אין א שוהל. דער ענטפער פון דעם מעמבער פון די „בני משה", איז אבער געוועזען, אז „מיר שעהמען זיך ניט, אויב מען שעהמט זיך ניט צו שלאגען אין אנדערע שוהלען, ווארום זאלען מיר זיך שעהמען".

ווערטהע רעדאקציאן! איך דענק אז מיר אידען דארפען ניט דערלאזען צו אזא חלול השם, און מיטלען דארפען גענומען ווערען, אויסצוראמען דיעזע שאנדע.

אייער שטענדיגער לעזער,
י. קלייז.

סמארגאן און אלע אנדערע פיפערנאטערישע אידישע קהלות האבען שוין פון לאנג איבערגעלעבט אזעלכע זאכען, דאך ווייזט אויס, אז די טאראנטער אידען ווילען אלעס אנפאנגען פון אנהייב אן, און צו די אלטע תריג מצוות ווילען זיי צוגעבען נאך איינע — "פעטש אין שוהל."

מיר ווייסען ניט וועלכע מיטלען עס קענען אנגענומען ווערען אויסראמען דיעזע קליין שטעטעלקייט פון אונזער מיטען. מיר ווילען אבער זאגען דער היגער אידישער ארטהאדאקסיע, אז אויב זיי ווילען געאכטעט ווערען פונ'ם יונגען דור, אויב זיי ווילען אז די איבעריגע אידישע שיכטען זאלען זיי רעספעקטירען, וועלען זיי עס אלענפאלס ניט דערגרייכען דורך טהיילען זיך פעטש, און יענע פלעצער, וועלכע פיעלע אידען בעצייכנען אלס א מקום קדוש.

פון די „פעטש אין שוהל," וועט די ארטהאדאקסיע זיין די ערשטע, וועלכע וועט ליידען, און דאס איז דאך איהר אייגענע שולד.

דער שווארצער וועג

א טרויעריגער יובילעאום. 1516—1916.

עס איז ערשט געווארען 400 יאהר זינט עס איז געשטארבען איינער פון די מעכטיגסטע הערשער פון אייראפא, פערדינאנד דער 5־טער פון שפאניען, וועלכער האט צוגעגרייט פאר זיין יורש, דעם זוהן פון דער משוגע'נער זשאנע, דאס קאלאסאלסטע קעניגרייך. ער האט איהם אבער אויך איבערגעלאזען א ירושה, וואס האט געבראכט שפאניען צו א שרעקליכער ארימקייט, צו א פאליטישער מאכטלאזינקייט.

די כאראקטערציגע פון פערדינאנד דעם 5־טען, אלס מענש, זענען געווען: א קאלטע, שטאלצע שלעכטיגקייט און פאלשטענדיג מאראל־לאזינקייט.

פאר שפאניען איז דאן געשטאנען די פראגע: זיך בעציהען מענשליך צו דער גרויסער מאסע מוסולמענישער און אידישער בעפעלקערונג און מאכען זיי צו שעצען הויך די אינטערעסען פון שפאניען?

פערדינאנד האט די פראגע געלעזט אויף אן אנדערען אופן: ער האט ארויסגעטריבען אלע וואס זענען ניט געווען פון דער זעלבער רעליגיאן ווי די שפאניער, און פאר'ן ארויסטרייבען, האט ער ביי זיי אלעס צוגענומען.

דאס איז געווען גאנץ איינפאך, און עס וואלט אפשר ניט געווען אזוי שרעקליך, ווען מען וואלט זיך ניט געווען בענוצט צו עררייכען דעם ציעל מיט דער הייליגער אינקוויזיציע.

פריהער האט מען געצוואונגען די אידען זיי זאלען אננעהמען דאס קאטוילישע גלויבען, שפעטער האט מען אבער די מאראנען פיעל ענערגישער און גרויזאמער פערפאלגט ווי די אידען, וועלכע זענען געבליבען טריי צו זייער גלויבען.

אין מאנאט פעברואר פון יאהר 1481, האט מען מיט גרויס פאראד געפייערט די ערשטע אוטא־דע־פע. די גלעקער פון די קלויסטערס האבען געקלונגען, קליינע קינדערלאך אין שעהנע ווייסע בגדים'לאך האבען געזונגען טרויעריגע תפילות, און עס זיינען פערברענט געווארען די ערשטע 6 אידען.

נאך די 6 האט מען פערברענט צעהנדליגע, הונדערטער און טויזענדער. אין סעווילע האט מען אויפגעבויט א ספעציעלע געביידע וואו דער אינקוויזיציאנס־פייער האט אימער געברענט, און וואו מען האט דורך פייער געוואלט איבערגעבען די אידען די אידעע פון קאטאליציזם.

דיעזע געביידע האט מען גערופען „קעמאדערא". און זי איז געווען בעציערט מיט פרעכטיגע סטאטוען פון אלטע אידישע נביאים.

די מענער פון סעווילע האט אנגעכאפט א שרעק. בלויז א הויפעלע קרענקליך־בלוטדורשטיגע אדער קראנקליך־פאנאטישע שפאנער האבען מיט גרויס צופרידענהייט געאטהעמט דעם ריח פו די געבראטענע אידען.

עס זענען בעשאפען געווארען א מענגע „קלויסטער־שפיאנען": יעדער וועלכער האט געבראכט בעווייזע געגען א אידען, האט פאר זיין ארבייט בעקומען די גרעסטע טהייל פון דעם פערמעגען פון זיין קרבן, דעם „אונגלויביגען," און דאס איבריגע האט גענומען דער הערשער.

עס זענען פערעפענטליכט געווארען 37 סמנים, דורך וועלכע מען האט לייכט געקענט דערקענען „דעם וואס האלט דאס אידישע גלויבען"... צווישען אנדערע פונקטען איז אויך געווען די עוזר:

„ווער עס וויינט איבער א טויטען אדער לעזט טרויעריגע תפילות — דער איז א איד.

און מען זאל דערגעהען דעם ריכטיגען אמת, האט די אינקוויזיציע דעם קרבן געמאטערט. פאר די מאטערגיסע האט מען דעם מארטירער געגעבען צו וויסען אז מען מוז זאגען נאר אמת... דעם ריינעם אמת. איבער די אינקוויזיציאנס אינסטרומענטען זענען געווען אויפשריפטען:

„אויפ'ן אמת האלט זיך די וועלט"

אדער:

„אויב ער וועט שטארבען, איז א סימן, אז ער איז שולדיג..."

די אידישע מארטירער וואס מען האט דארט געמאטערט, פלעגען אימער פערוואורטהיילט ווערען. עס האט ניט געפאסט פאר דעם פרעסטיזש פון דער אינקוויזיציאן זיי זאלען בעפרייען די אונשולדיגע קרבנות...

די מארטירער, וועלכע האבען קיין מוטה ניט געהאט איבערצוטראגען די שרעקליכע יסורים פון די אינקוויזיציאנס אינסטרומענטען און פלעגען זיך מודה זיין אין זאכען וועלכע זיי האבען קיינמאהל ניט בעגאנגען — האט מען בעוויזען א חסד: מען פלעגט דעם אונגליקליכען קרבן פריהער דערשטיקען און ערשט נאכהער פערברענען.

דיעזע האט מען פערשריבען אין די קלויסטער־ביכער: „ער האט גאט זיין נשמה אבגעגעבען צו רעטען אנדערע".

דאס שפאנישע פאלק האט שטארק מורא געהאט פאר דער אינקוויזיציע.

און זיי האבען געמוזט שווייגען. נאר אין דער שטיל האבען זיי פערדאמט די גייסטליכע מיט פערדינאנדען. מען האט אבער דאס פאלק אויך געמוזט אויפרייצען געגען די אידען, און עס האט זיך געגרינדעט א שווארצע הונדערט, און דיעזע שווארצע מאה'ניקעס האבען אנגעפאנגען צו מאכען בלבולים אויף אידען. וואס שרעקליכער און אומגלויבליכער, דעסטא בעסער איז געווען זייער מאטא. דאס פאלק איז ווי א קליין קינד, מיט ברייט־אפענע אויגען הערט עס זיך צו צו פערשידענע שרעקליכע מעשות.

עס זענען ענטשטאנען הונדערטער פראצעסען וועגען פערראטה און גאסטלעסטערונג געגען אידען. ספעציעל האט אנגעמאכט א גרויסען רעש דער פראצעס וואס דער גרויס אינקוויזיטאר מארקוועמאדא, האט פערפיהרט געגען די אידען. א בלוט בלבול וועגען דעם היילינגען קינד לא־גוארדי".

דאן האט זיך אנגעפאנגען א בעוועגונג פון די גייסטליכע ארויסצוטרייבען די אידען פון שפאניען.

דעם 31־טען מערץ 1492 איז ארויסגעגעבען געווארען דעם בעפעהל צו פערטרייבען די אידען פון שפאניען. מען האט זיי געגעבען זעהר ווייניג צייט. אום די פאנאטיקער זאלען ניט חוזק מאכען פון די טויטע, האבען די אידען אליין צושטערט זייערע בית עלמים.

דאס פערמעגען האט מען געמוזט לאזען. מען האט קיין מעגליכקייט ניט געגעבען עס מיטצונעהמען. איבער אלע וועגען, וואס האבען געפיהרט צו די גרענעצען פון שפאניען האבען זיך געצויגען מחנות אידען, פון פארענט זענען געגאנגען די אלטע רבנים און האבען ערמוטהיגט דאס פאלק; די פרויען און קינדער האבען אויפ'ן בעפעהל פון די רבנים געזונגען פרעהליכע לידער, האבען געקלאפט אין די פויקען און געטאנצט...

דאס איז געווען תשעה באב.

אין פארטוגאליען האט אויף די אידען געווארט א שרעקליכע מגפה; אויפ'ן ים האבען שוין אויף די אונגליקליכע אידען געווארט ים־רויבער — פיראטען.

עס האט זיך געדאכט אז אלע אידען וועלען מוזען אומקומען. זיי זענען אבער נ י ט אומגעקומען.

אומגעקומען איז נאר די פאבריקאציאן, האנדעל און דאס געזעלשאפטליכע לעבען פון שפאניען — אויף אימער איז עס אומגעקומען.

דאס האט געגעבען א מעגליכקייט פראפעסאר ווערנער זאמבארט צו שרייבען וועגען די אידען:

„פון וואנען זיי געהען אוועק, ווערט פערוויאנעט אלעס וואס האט ביז דאן געבליהט"...

די אינקוויזיציע האט געבראכט שפא

קיין 'איין דיקטעי' האט ניט געזונגען קיין שבחים פערדינאנד דעם 5־טען. קיין איין לעגענדע איז וועגען איהם ניט געשאפען געווארען און מען האט איהם ניט פערגעטערט, ניט פעראייביגט. דעם וועג וואס ער האט אויסגעקליבען אין פאליטיק האבען פערשאלטען די גרעסטע היסטאריקער פון שפאניען...

איז שפאניען געווען די איינציגע? די געשיכטע ווידערהאלט זיך.

ווער וועט געווינען די מלחמה

פון מאריס געלמאן.

שוין באלד צוויי אז די שוידערליכע מענשען־הריגה געהט אן, און עס זעהט גאר ניט אויס, אז עס וועט אמאל נעהמען איין ענדע צו דעם. אפטמאל דוכט כוחות וועלען אויסגעהן ביי די מלחמה־כופות וועלען אויסגעהן ביי די מלחמה־פיהרענדע לענדער. אט באלד און, עס וועט זיך אויסנעהמען ביי זיי דאס געלד און געוועהר און די מלחמה וועט מוזען אויפהערען; אבער ווי דורך א נס פלאקערט דאס פייער ווידער אויף און עס יאווען זיך נייע מענשען און עס ווערט בעשאפען נאך געלד און געוועהר און בלוט פאנגט זיך אן גיסען גאר אויף דאס ניי און נאך מיט מעהר פארביסענהייט, מיט מעהר ווילדקייט ווי פריהער. און צו דער געוויינטליכער פראגע, וועלכע ענבערט יעדען דעם מוח: "ווען וועלען שוין די מענשען קומען צום שכל? ווען וועט זיך שוין ענדיגען די מלחמה? קומט צו נאך א פראגע, ווער וועט געווינען די מלחמה

פון אויבען אויף זעהט אויס, אז דייטשלאנד האלט אין איין זיעגען און זי וועט מוזען בלייבען די זיעגערין. ווען מען פארטראכט זיך אבער טיעפער, ווען מען אנאליזירט די פאקטען פון היסטארישען און עקאנאמישען שטאנדפונקט, זעה מען, אז די זאך שטעהט גאנץ אנדערש. עס איז אמת אז דייטשלאנד האט שוין פארנומען א סך פרעמדע לאנד, האט פארניכטעט קליינע פעלקער. זי וועט אבער נאך מוזען צושטערען די גרויסע ארמייען און די גרויסע נאציאנען, וועלכע שטעהען הינטער די ארמייען אום צו זיין זיכער מיט איהר זיעג. עס איז אמת אז זי האט געוואונען א סך שלאכטען, עס איז אבער מעהר ווי זיכער, אז דיעזען זומער וועט זיך די גאנצע מאשין דרעהען אויף צוריק. די וואס האלטען די אויגען אפען זעהען מיט זיכערהייט ווי די גרויסע ווענט וועלכע דייטשלאנד האט געבויט וועלען נעהמען איינפאלען און וועלען איהר פערשיטען אונטער די חורבות. דייטשלאנד האט פארנומען פיעל פרעמדע לאנד און האט פארניכטעט קליינע פעלקער אבער ווען מען נעהמט אין אנבעטראכט די לאנגע יאהרען, וואס עס האט איהר גענומען זיך צו צוגרייטען צו דער מלחמה, די געוואלדיגע אנשטרענגונג וואס זי האט געמאכט, די מיליאנען מענשען וואס זי האט שוין פארלארען, מוז מען קומען צום בעשלוס, אז זי האט נאך גאר ניט דערגרייכט. עס איז איהר נאך ניט געלונגען צו געבען איהרע פיינד אזא קלאפ, וועלכער זאל בעשטימען דעם שיקזאל אין דעם ווייטערדיגען גאנג פון דער מלחמה.

ווען דייטשלאנד וואלט ווירקליך שוין עטוואס געוואונען, וואלט זי דאך ניט געהאט קיין נויטווענדיגקייט צו פארלירען אזוי פיעל מענשען ביי ווערדון. זי האט פארנומען גרויסע שטיקער לאנד אין בעלגיען, פראנקרייך און פוילען, וועלכע זיינען רייך אין נאטירליכע אוצרות, אבער ווי גרויס און וואונדערליך זי זאל ניט זיין, איז איהר ארמיי ניט גרויס און ניט שטארק גענוג די אוצרות איינצוהאלטען און זי מוז אנפיהרען די מענשליכע בלוטבאד ווייטער און ווייטער, ניט זעהענדיג אויף קלאהר ווען עס וועט איהר זיין מעגליך דאס צו ענדיגען.

זינד די מלחמה האט זיך אנגעפאנגען האט שוין דייטשלאנד פארלארען דריי מיליאן פון איהרע בעסטע קינדער און וואס ווייטער געהט די צושערונג און די פארניכטונג: אן אין א פארגרעסערטער פארמע. פון אנפאנג האט זי זיך געפיהלט שטארקער, ווייל זי האט געהאט די גרעסטע ארמיי אבער די לאגע הויבט זיך שוין אן צו ענדערען. ענגלאנד אליין האט שוין באלד א גרעסערע ארמיי פון דייטשלאנד, און אויב זי האט ניט געקענט געווינען די מלחמה אין 1914 און 1915, וועט זי שוין דאס זיכער ניט קענען טהאן אין 1916 אדער אין 1917.

עס איז אונמעגליך פאר דייטשלאנד צו געווינען די מלחמה, איין זאך וואס עס קען פאסירען איז, אז זי וועט אבשפיעלען דעם זעלבען „קונץ" ווי יאפאן האט אין דער רוסישער מלחמה און וועלכער עס איז איהר דאן אזוי גוט געלונגען. עס איז אמת, אז אין דער מלחמה מיט רוסלאנד האט יאפאן געוואונען פיעלע שלאכטען, זי האט אבער אין יעדער שלאכט אזוי פיעל פארלוירען, אז זי האט געמוזט פיהלען אז זי וועט שוין גאר לאנג ניט קענען אנפיהרען די מלחמה.

אין דעם גרויסען זיעג וואס יאפאן האט געהאט ביי מוקדען האט זי אזוי פיעל פארלוירען, דאס עס האט איהר גענומען גאנצע פינף מאנאטען צו ארגאניזירען א נייע אטאקע. אבער דעם סוד האט ביי איהר קיינער ניט געוואוסט, זי האט דאס געהאלטען אין דער שטיל פון דער גאנצער וועלט, זי האט קיינעם ניט דערצעהלט ווי איהרע כוחות געהען אויס. און ווען די פערהאנדלונגען וועגען שלום האבען זיך אנגעפאנגען, האט רוסלאנד ווירקליך געמיינט, אז יאפאן איז נאך שטארק גענוג און קען נאך אנפיהרען די מלחמה ווייטער ביז זי וועט רוסלאנד בעזיעגען. אבער וואלט רוסלאנד דאן פארבליבען מיט איהר געוואלדיגער גרויסער ארמיי אין דער מלחמה נאך זעקס מאנאטען, וואלט יזגעזעהן, אז יאפאן איז דערשלאגען. יאפאן האט ווירקליך דאן געבלוטעט צום טויט אבער די בראווקייט מיט וועלכער זי האט זיך געהאלטען האט אוועקגענומען דעם גאנצען מוטה פון רוסלאנד זוכען צו שפיעלען, אבער עס איז לאנד זוכען צו שפיעלען, אבער עס איז נאך א פראגע צו עס וועט איהר געלינגען.

דער פאקט אז דייטשלאנד האט פארניכטעט בעלגיען, פוילען און סערביען און האט צושטערט א גרויסען טהייל פון פראנקרייך, האט זיך אזוי איינגעגראבען אין די מוחות פון קריעגס־פיהרענדע לענדער, דאס זיי זיינען גרייט צו שלאגען זיך ביז איין ענדע, ווארום מעהר פארלירען קענען זיי דאך שוין ניט און געווינען קענען זיי נאך צוריק אלעס מיט פראצענט. די ענגלישע שטאאטסלייט ווייסען, דאס דער יעצטיגער זאג פון דעם פרייסישען מיליטאריזם קען מיינען דער פאל פון דער „בריטיש רייך," און דעריבער איז זיי אוממעגליך אויפצוגעבען דעם קאמפף אזוי גיך. און זיי וועלען איהם מוזען פיהרען צו א זיעגרייכע ענדע. קיין פאלק, קיין נאציאן לאזט זיך ניט אפווישען אזוי גיך פון דער ערד און אזוי לאנג ווי עס וועלען נאך בלייבען בעלגישע, סערבישע, ענגלישע און פראנצויזישע יונגע לייט, וועלען זיי ביז זייער לעצטען טראפען בלוט קעמפפען פאר זייער נאציאנאלער, קולטורעלער און עקאנאמישער זעלבסטשטענדיגקייט.

אט דא ליגט איינער פון די הויפט פונקטען ווארום דייטשלאנד קען ניט געווינען די מלחמה. דאס דייטשע פאלק, וועלכע איז פון אנפאנג אפגענארט געווארען פון די בלוטדורשטיגע פרייסישע יונקערס און האט געמיינט, דאס זיי שלאגען זיך אין איין פארטהיידיגונגס־מלחמה, הויבט שוין אן איינצוזעהען, אז מען האט זיי פארפיהרט, זיי זעהען שוין איין, אז זיי פארגיסען זייער בלוט פאר די ווילדע און בלוטדורשטיגע הערשער, וועלכע ווילען דורכפיהרען זייער אימפעריאליסטישע פאליטיק אויף דעם רעכענונג פון זייער איינען פאלק און פון די אנדערע קליינע פעלקער. די אטאקעס פון די עטליכע ערנסטע סאציאליסטען אויף דער פרייסישער רעגירונג איז ניט געגאנגען פארלארען. דאס דייטשע פאלק הויבט שוין אן איינצוזעהען, אז עס איז די דייטשע רעגירונג, וועלכע האט אנגעפאנגען די שוידערליכע בלוט־באד, אז עס איז די דייטשע רעגירונג, וועלכע האט געוואלט גרויס ווערען בעקעמפפענדיג אלע אנדערע פעלקער, בשעת אין בעלגיען, פראנקרייך און זאגאר אין ענגלאנד, ווייסען שוין אלע, אז די מלחמה איז אויף זיי ארויפגעשפארט געווארען מיט געוואלד און זיי מוזען זיך פערטהיידיגען.

יעדער איינער, וועלכער בעטראכט די זאך אונפארטייאיש, געדענקט דעם פאקט, אז ווען אין ענגלאנד האבען די פארשטעהער פון פאלק געהאט די געלעגענהייט צו נעהמען איין איינטהייל אין די דעבאטען אין פארלאמענט צו זיי זאלען אריין אין דער מלחמה צו ניט, אין דייטשלאנד אבער איז דאס געמאכט געווארען אין דער פינסטער, אויף איין ספעציעלער זיצונג ביים קייזער אין פאווארען. און דאס האט זעהר פיעל צו זאווארען. און דאס האט זעהר זיעל צו זאגען, ווייל דאס גאנצע פאלק און דאס גאנצע לאנד און די גאנצע וועלט פיהלט ווער עס זיינען די שולדיגע. מען דארף זיך פון קיינעם ניט לאזען איינרעדען, אז ענגלאנד האט געקענט אפהאלטען די מלחמה. דער פאקט אז נאך איידער דער ענגלישער פארלאמענט האט בעשטימט אריינצוגעהן אין דער מלחמה, איז שוין די מלחמה געווען אין פולען גאנג.

יעדערער קען זעהן קלאהר, אז דייטשלאנד האט געוואלט די יעצטיגע בלוט־באד אום צו אונטערדריקען אזוי פיעל קליינע פעלקער ווי מעגליך אום צו ווערען די גרויסע וועלט־מאכט. ענגלאנד האט אזעלכעס ניט געדארפט, זי איז גרויס גענוג און האט מעהר קאלאניעס ווי א פאלק האט ווען געהאט, ווארום לאמיר זיך ניט נארען, ווען זי וואלט געוואלט די מלחמה, וואלט זי דאך געקענט אנגרייטען אזא גרויסע ארמיי ווי דייטשלאנד און אנפאנגען אליין די מלחמה און ניט ווארטען ביז דייטשלאנד וועט דאס טהאן. אבער וואס זעהן מיר יעצט, אז שוין באלד צוויי יאהר, אז די שלאכט געהט אן, דייטשלאנד האט שוין באלד פארלוירען אלעס וואס זי האט אנגעזאמעלט פאר די לעצטע פערציג יאהר און ענגלאנד גרייט זיך נאך ערשט צו. און דער רעזולטאט וועט זיין, אז ווען דייטשלאנד וועט שוין האבען אלעס פארלוירען וועט ענגלאנד האבען א גרויסע, נייע און פרישע ארמיי, וועלכע וועט איהר פארזיכערען מיט א זיעג.

מען זאגט, אז ענגלאנד האט זיך אויך געגרייט פאר דער יעצטיגער מלחמה, ווייל זי האט זיך דאך פארזארגט מיט אזא גרויסע פלאטע, אבער די וואס בעהויפטען דאס, ווייזען ווי איינגעשפארט און אונוויסענד זיי זיינען, ווייל די ענגלישע פלאטע איז דאך שוין גרויס פון יאהרען לאנג און דאך האט זי די שלאכט ניט אנגעפאנגען. און זאגאר יעצט בענוצט זי איהר פלאטע נור פאר פארטהיידיגונג.

וואלט ענגלאנד יעצט ניט אריין אין דער מלחמה, איז מעהר ווי זיכער, אז די מלחמה פון דייטשלאנד און ענגלאנד וואלט זיך אנגעפאנגען מיט עטליכע יאהר שפעטער, אבער דאן וואלט שוין ענגלאנד גאר ניט געקענט טהאן, ווייל אהן ענגלאנד וואלט שוין פראנקרייך יעצט געווען א צווייטע בעלגיען און פאר ענג־

(פארזעצונג אויף זייטע 3)

HASSAN
CORK TIP
HASSAN
CORK TIP
CIGARETTES
דער אריענטאלער סמוק
הויך אין קוואליטי, און ניעדריג אין פרייז
10 פאר 10c.

דער בלבול

פון א. ד. גלושאקאוו

לעבענס בילד אין פיער אקטען

פערזאנען :

איליא מארקאוויטש 40 יאהר (האלט א פאריקמאכערסקע).
בערטהא באריסאוונא 30 יאהר, זיין פרוי.
סאניטשקא : זייער טאכטער, 10 יאהר
ר' בער סאקאלאוו : (בערטהאס פאטער, 65 יאהר).
יעקב משה : (בערטהאס ברודער 40 יאהר)
ראזע סמעכאוו : (בערטהאס א פריינדין).
סיימאן יאקאבלעוויטש) : אן ארבייטער ביי איליא מארקאוויטשען 25 יאהר)
אבראשע : (זיין העלפער, 19 יאהר)
פעסיל : (אן אלטע דיענסט ביי בערטהאן אין הויז.
ה' בערקאוויטש,
א דאקטאר,
אן אלטע קראנקע פרוי.
3 אידען.

(עס קומט פאר אין א מאלארוסיש שטעדטעל. דער 3-טער אקט אין יעקאטעריינאסלאוו).

ערשטער אקט.

(א קליין מעבלירטער צימער ביי איליא מארקאוויטש. א קיילעכדיגער געדעקטער טיש, וועלכער איז ארום געשטעלט מיט שטוהלען. א סאפקע נעבען וואנט. רעכטס 2 טהירען. פאר די ארבייטער און פאר זייער שלאף־צימער, לינקס א טהיר אין קיך : אין דערמיט א טהיר צום גאס אין פארריקמאכערסקע. 2 פענסטער ביי די זייטען פון דער טהיר, אין פאריקמאכערסקע און צום גאס : פארנאכט. די דיענסט רוימט אויף צינדט א לאמפ).

פעסיל : איך ווייס ניט צו פאר עמיצען געפינט זיך נאך אזוי פיעל ארבייט ווי מיר ! נור געפוצט, געשאבען, און געוואשען ! אבוואשען זאל מען די באלעבאסטע מיינע ראביינעשעלאילאם ! (קוקט זיך ארום) אז דער בעל הבית איז געווען אין דער היים, פלעגען זיי זיך קריגען און רייסען זיך צו וועמען לאזט מען אוים דעם כעס צו מיר... דאס נים אזוי, פארוואס נים אזוי (קוקט אין שפיגעל) יעצט אז סיימאן יאקאבלעוויטש געהט אריין אין זאל און פארבייגעהענדיג שטעלט ער זיך אב רעדען מיט דער באלעבאסטע טאר איך גאר אין יענעם זייט ניט קוקען, א גיט מאכט זי קולות : אין קיך געה, פעסעל ! אך, אך, אך, אז איהר וואלט צופאלען מיינע צרות, מיינע שמערצען וואלט זי זיך דאן אן מיר כאטש פערגעסען. (זעצט זיך נעבען טיש שפארט זיך אן אויף'ן עלענבויגען.

אויפטריט אבראשע : (ער געהט געקליידעט אין אן איבער העמדעל. ער לויפט אריין, טראגט א גלאז אין האנד, זי דערשרעקט זיך כאפט זיך צו איהר ארבייט.

אבראשע : (טהוט זי א קניפ) מיין קעצעלע ! פאראן געזאדענע וואסער ?

פעסיל (כאפט זיך פאר'ן האנד) אי אי, די מפלה זאל קומען אויף דיר ! בארוועסער דו ! פאר א קנייפען ! געה אין קיך נאך וואסער און ברעך דארט דעם קאפ !

אבראשע : כא, כא, כא ! דיר טהוט וועה מיין קניפ ? דאס איז דאך אנשטאט א קוש ! נארעלע עס איז נאך פיהלענדער פון א קוש (לאכענדיג אב אין קיך)

פעסיל : (חן'ט זיך אין שפיגעל) אך טייערער רבונו של עולם ! דאכט זיך גלייכע מענשען, און דאס גליק איז ניט גלייך. (קוקט זיך ארום) מיין פאטער אזוי א שניידער, און דער באלעבאסטעס פאטער איז א שניידער. זי הייסט בערטהא באריסאוונא און איך הייס פעסיל דיא דיענסטמויד. זי האט א מאן וואס איז קאפאל שטארבען פאר איהרע טריט, און סימאן יאקאבלעוויטש האט זי אויך ניש קשה'דיג ליעב ! איך האב אליין געזעהן אז ער האט איהר אט אהער אין פיסקעל געקושט ניט אזוי ווי דער שלים מזל ! קנייפט זיך נאר ! (האלט זיך פאר'ן האנד) א שעהנער פערבייט אויף א קוש !

(אבראשע קומט אריין)

אבראשע : (טראגט וואסער אין גלאז) אי דושינקע ! נעה פאריכט אלעס אין אויוון פאזשאליסטווא ! איך האב דארטען אנגעטהאן א רעכטע חתונה ! געקראכען נאך וואסער, א טעפעל אומגעקעהרט, א טעלער מיט לאטקעס ארונטערווארפען אביסעל האב איך צונויפגעקליבען נעה, איך בעט דיך, מאך גוט דארט, איך וועל דיך שפעטער טאקי מיט אן אמת א קוש טהאן ! (שיקט איהר א לופט קוש אב אין פאריקמאכערסקע).

פעסיל :(טהוט זיך א לאז צום קיך אי, א צרה אויף זיין מארך! מיר וועט שוין זיין פון מיין באלעבאסטע א לעקציע ! (אב).

אויפטריט יעקב משה :

(א אידעל מיט אן אויסגעפליקטע בערדעל. רעדט גיט אוים שארף דעם "ר").

יעקב משה : (קוקט אומעטום) זעה, ניטא גאר קיינעם, מיינע גליקען, זיינען געראטען אין מיין מזל. אז איך וואלט האנדלען מיט עפעל, וואלטען אלע עפעל אנגעהויבען פוילען. ווען איך זאל ניט קומען אהער צו בערטהאן, טרעף איך זי ניט אין דער היים, אדער בארינא ספיט ! די בעל הבית'טע שלאפט — מאכט די דיענסטמויד אדער זי איז אין די בילדלאך וואס ווייזען זיך אויף'ן וואנט (פויזע) וואו קען זי זיין יעצט (בלייבט שטעהן אין מיטען ביהנע) אט אזוי טהוען דאס אב היינטיגע דאמען זייערע מענער, דעם מאן שיקט זי אוועק קורירען זיך אביסעל פעררייכטען דיא הארץ וואונדען און דא פאר דער צייט, גרייט זי' איהם צו א פרישע מכה, אי וועט זי האבען אז איליא וועט קומען ! עס וועט דא זיין צרות אויף טעלער און אויף שיסלען ! היינט איז דער סוף פון זיין קורירען זיך, וועט ער קומען. און זי וואס קלערט זי זיך? דאס שטעדטעל קאכט... בערטא באריסאוונא און סימאן יאקאבלעוויטש זיינען עפעס צוויישען זיך צו גוט. (א גערויש) מען געהט דאכט זיך?

(אן עלעגאנטע דאמע, רייך געקליידעט, קומט אן פון איהר צימער).

בערטהא : שוין לאנג אז דו ביז דא ?

יעקב משה : פריהער זאגט מען גוט אבענד, ביילע !

בערטהא : גוט יאהר.

יעקב משה : איך בין נאר וואס אריין זעה איך אז עס איז פוסט אין שטוב, טראכט איך מיר, אפשר ביזטו אין א נאווינע אין טהעאטער אוועק אדער דוא שלאפסט...

בערטהא : גענוג דיר חכמ'ענען זיך ! ווייסט דאך ווי איך ליעב הערען דיינע חכמות! (פוצט זיך אין שפיגעל).

יעקב משה : (מאכט הינטער איהר א גרימאסע) ווער חכם'ט זיך דא ? מען זאגט דא גאנץ ערענסט (ווייך), הער ביילע, וואס איך וועל ביי דיר בעטען א גמילות חסד'ל אויף עטליכע וואכען, א פאאר קערבלאך, ווייסט דאך אז מיין שניידעריי איז יעצט געפאלען. פערדיענט זיך ניט און געלד דארף מען, אוי געלטעלע, געלטעלע, אנטליי א קערבלאך 10 אדער 15.

בערטהא (ניט קוקענדיג אויף איהם) : וואס איז ביי מיר א באנק ? ביי מיר פערדיענט זיך אויך ניט און געלד בעדארף איך אויך.

יעקב משה : פונקט גלייך ! ווייסט דאך ווי מען זאגט : איינער ווייגט, דער זופ איז שיטער, דער צווייטער ווייגט די פערעל איז שיטער, נישקשה אויף מיר די עברה. טאמער ווערטו אין טהעאטער איין מאל ניט געהן און דאס געלד וואס דיר דארף קאסטען צוויי בילעטען אן ערך א דרייערעל, צו א פינפערעל, אנטלייה מיר, וועט זיין פיעל ניצליכער און גלייכער.

בערטהא (אויסער זיך) : וואסערע צוויי בילעטען וועמען צוויי בילעטען ?

יעקב משה : ביילע, איך בין דאך דיינער א ברודער, און דו ביזט מיינע א שוועסטער, דארף איך דיר זאגען און דו מעגסט מיך פאלגען וועט פאר מיר זיין שעהנער און דיר בעסער.

בערטהא (אין כעס) : וואס איז ? ! זאג שוין ! גענוג דיר פערקריכען אין לאנגע רייד.

יעקב משה : אין קורצען וועל איך דיר זאגען, דוא מיינסט אז די וועלט שלאפט ? דו קלעהרסט זיך אז מען זעהט ניט ווי דו געהסט ארום מיט דיין ארבייטער סימאנען געארעמט אין טהעאטער, אין בופעט און אין דישטילע גאאטער, אין בופעט און אין די שטילע גא־האב דאך דיר אליין בעגעגנט איז וואס מאכסטו זיך כלא ידע ? ניט מער פערשטעהסט מיך, איך בין דיינער א ברודער בין איך דיר געקומען זאגען (שטילער) אז דו זאלסט זיין אביסעלע פארזיכטיגער, היינט קומט דאך דיין איליא ! (זי טהוט א ציטער) און צווייטענס טאקי בין איך געקומען בעטען אנטלייען א פאאר קערבלעך, איך מוז עס נויטיג.

בערטהא : איבערראשט) וואס רעדסטו יעקב משה? ווער געהט מיט סימאנען געארעמט ? איינמאל ווען דו האסט אונז בעגעגנט איז דאך געווען א שטארקער גליטש, האט ער מיך נאר אונטערגעהאלטען אבער —

יעקב משה (האקט איהר איבער) גענוג פון איהם יא אז אונטערגעהאלטען רעדט שוין דאס שטעדטעל...

בערטא : זאג מיר בעסער פון וואנען ווייסטו אז היינט קומט איליא ?

יעקב משה : חכמה מיינע ! געוויס וועט ער היינט קומען ! אז דעם 15טען האט ער בעדארפט ארויספאהרען און היינט איז שוין דער 19 טער דארף ער לוים דער צייט פון די פאיעזדען קומען היינט 12 אזייגער ביי נאכט אפשר א האלב שעה שפעטער.

בערטהא : יע, גערעכט, היינט איז דער 19 טער (א פארט) אך ווי גיך זייגען דורך געפלויגען די 3 חדשים צייט(צו יעקב משה,ן) איז וואס ווילסטו א גמלות חסד'ל ?

(רייבט א האנד אן א האנד) א ודאי א צעהנערעל טאמער....

בערטהא : אט זאגט ער, א דרייערעל און אט בעט ער שוין א צעהנערעל, איך גיב דיר א־גמילות חסד 5 קערבלאך (איראניש) נאר קיין מוסר זאלסטו מיר ניט זאגען חא חא, חא (אב צו זיך אין צימער)

יעקב משה (קוקט איהר נאך) זיא לאכט מיט קרעמענים, מיינע שונאים ! זאלען אזוי לעבען ! ווי זי וואלט מיר געגעבען א צובראכענעם דיעניזשקע אפילו איך גיב ניט א זאג די עטליכע ווערטער : טהעאטער סימאן, געארעמט און טהעאטער, סימאן, געארעמט און איליא דארף קומען, וואס פאר א גוטע זי איז געווארען, עס איז א פנים אלע מאהל אזוי אז מען וויל א פאטש געבען אין באק פערשטעלט מען די באק מיט,ן האנד. עס איז אפילו דא פאראן אזוינע וועלכע וואלטען וועלען כאפען א פאטש אין באק אבי די פאר קערבלאך זאלען בלייבען אין קעשענע, נאר בערטהא וועט בעסער געבען די פאאר קערבלאך אבי קיין פאטש אין פנים ניט בעקומען.

אי, אי, א, אהן א פניה טהוט זיך קיין זאך ניט.

בערטא : נא דיר 5 קערבלאך, נור זאלסט מיר אין האנד אבגעבען נישט איליאן, דו הערסט ?

יעקב משה : נעהמענדיג דאס געלד) א דאנק, א דאנק ! געוויס אודאי וועל איך דיר אין האנד אבגעבען, וואס איז מיר געווען איליא ? ניט מעהר ווי א שוואגער איז ווייל'ע דו ביסט א שוועסטער מיינע ! אבער ער? (בעהאלט אין בוזעם) א דאנק ביילע נו יעצט דארף מען געהן עפעס איינקויפען פאר מיינע קליינע פופקעלאך פראוויזיע, א גוטע נאכט, ביילע !

(אב.)

בערטא : א גוט יאהר (פערטראכט זיך, פויזע) איליא דארף היינט קומען און איך האב גאר געוואלט געהן היינט מיט סימאנען אין טהעאטער (ראש) איך וועל באלד מיט סימאנען דורכרערען זיך מיר וועלען זיך אן עצה האלטען (קלאפט אין פענסטער פון פאריקמאכערסקע) סימאן יאקאוולעוויטש ! נא פארו סלאוו !... (שטעלט זיך צום שפיגעל און מאכט צורעכט די האאר).

(אויפטריט סימאן).

(א שעהנער בחור, געקרייזעלטע האר שווארצע וואנסעלאך, א ווייסער ארבייטס ראק.)

סימאן : וואס פערלאנגט איהר בערטהא באריסאוונא ?

בערטהא : אונזער פערגעניגען, וועט מיט אמאל צושטערט ווערען. מיר האט זיך געוואלט געהן אין טהעאטער היינט, דעם לעצטען מאהל שפיעלען דא די אקטיארען איז דארף נאר קומען היינט איליא.

סימאן : ניין, בערטהא, אייער פערגעניגען קען ניט געשטערט זיין ! עס איז זעהר לייכט צו ערפילען ווער קען עס שטערען אייך ? אז מען וויל געהן געהט מען !

בערטא : אייערע ווערטער סימאן ווייגען אזוי גלייכשטימיג מיט מיין געדאנק טהוט איהם א פאטש אין בעקעל, איהר זייט א מאלאדיעץ! ווי פערשטעהט איהר עס אלעס

סימאן : אין דער צייט ווען איך רעד מיט בערטהאן! פיהלט מיין הארץ אייערע אינערליכע הארצליכע וועהען, איך פערשטעה גוט אז אייך איז ניט אנגענעהם אייער רייכער לעבען אין דער צייט ווען איהר דארפט זיצען און הערען ווי דער מאן קרעכצט און איקעט, אייער הארץ איז נאך יונג ! זי דארף נאך ליעבע און לעבען ! לוסטיגקייט און פערגעניגענס ! ניט אמת ?

בערטהא : יא סימאן ! אויף מיין הארצען איז א שווערע לאסט. מיינע געדאנקען קענען עס ניט בעשליסען דאס וואס מיין יונגע הארץ פיהלט, מיין לעבען וואלט זיין ביי מיר געשעצט נאר דאן ווען איך וואלט קענען ערפילען מיין הערצליכע ליעבע.

סימאן : בערטהא באריסאוונא ! צו וואס זאלט איהר אזוי פעסעמיסטיש בעטראכטען אייער לעבען ? דיא לעבענסצייט איז נאך פאר אייך פאראוים די צייט וועט אייך לערנען אלעס ווי צו לעבען ווי צו ערפילען אייער יונג הארץ וועלכע דארף נאך ליעבען און געליעבט זיין. (וויל אבגעהן)

בערטהא : וואוהין געהט איהר וויעדער? אבראשע וועט דארט אליין אלעס אבטהאן, באלד גיט מען אהער קאפע (קלאפט אן אין קיך טהיר) פעסיל ! שוין גיב אהער 2 גלאז קאפע !

(עס הערט זיך פעסילס שטימע :באלד!)

סימאן (נעהמט זי ביי די הענד) באלד באלד קום איך בערטהא באריסאוונא ! איך וויל געהען זעהען אין פאריקמאכערסקע אביסעל צו רעכט מאכען, איך קום באלד ! (טהוט זי מאשינעל א קוש)

בערטהא : (קוקט זיך ארום) אי ווי איהר זייט ניט פארזיכטיג טאמער גיט א קוק די דיענסטמויד.

סימאן : כא, כא, כא ! איהר האט נאך אלץ מורא ? שוין צייט אויפהערען מורא צו האבען (אב)

בערטהא : (זעצט זיך נעבען טיש) סימאן איז גערעכט, די צייט לויפט, יע איך פיהל ווי די גאנצע צייט וואס סימאן איז דא האט אין מיין הארצען קיין אנדער געפיהל נישט געוועקט מיין געוויסען, ווי נאר דער געפיהל פון ליעבע צו סימאנען, ווען א געדאנק פראוווט נאר דער ווידער זיין די ליעבע געפיהלען ווערט שנעל דער געדאנק בעזיעגט פון מיין שטארק קלאפענדער פערליעבטער הארץ, מיין ליעבע צו סימאנען האט מיך ווי מיט אייזערנע קייטען צוגעבונדען ! איך ווער אזוי מאכטלאז, איך הויב אן צייטענווייז בעשליסען, ווען נישט דאס קינד מיינס, וואלט... (זי האלט איבער)

פעסיל : בערטהא באריסאוונא ! שאקאלאד איז ניטא וועל איך מאכען אביקנאווענעם טעה !

בערטהא : ס'אראנה א גרויסע, פאראן צוקערקעס, ווארעניע זאל זיין טהע...

פעסיל : (א פארט) צו ביי מיר וועט זיין אויף'ן צייגדעל, ביי איהר וועט שוין זיין אויף'ן בייגדעל (אב).

בערטהא : סימאן זאגט מיר, איך זאל ניט מורא האבען, ער איז גערעכט! פאר מיין איליאן האב איך גאר נישט וואס מורא צו האבען ווען איך שענק איהם א גלעט און נאך א קוש... ווערט ער אזוי בענויסטערט ! פונקט ווי ער וואלט זיין אויף'ן זיבעטען הימעל! ער פערגעסט זיך דאן וואס עס האט זיך געטהא, אויף דער ערד און וואס טהוט זיך...

(אויפטריט ראזע סמעכאווס).

(ניט מיאוס, שעהן אודאי ניט, רעדט מיט היץ).

ראזע : גוט אבענד, בערטהא !

בערטהא : גוט יאהר דיר. גוט וואס דו ביזט געקומען איך האב טאקי גאר דיר פיעל וויכטיגעס צו פערטרויען

ראזע : דיינע וויכטיגע נייעס וועסטו מיר מארגען דערצעהלען. איך בין געקומען דיך פרעגען : געהסטו היינט אין טהעאטער ? היינט שפיעלט זיך זאגט מען זעהר א שעהנע פיעסע ! און אך היינט צום לעצטען מאל.

בערטהא : אך ראזע, ביי דיר זיינען קיינע שטערונגען ניטא. ווען דו ווילסט געהן ערגעץ פערשאפען זיך פערגעניגע, וועט דיר קיינער דערוויעדער זיין, אבער איך ?

ראזע : וואס איז איצט ווידער? ביזט דאך איצט אליין !

בערטהא : היינט, טאקי היינט ווערט ביי מיר אלעס פערשטערט, דער וואלקען ציהט זיך אן אויף מיין הויז איך וועל שוין ווידער מוזען זיצען און הערען, זיין הוסטען און איקען, היינט ביי נאכט קומט דאך איליא.

ראזע : אך, אך ! דו זאלסט רעדען אזוינע נארישקייטען! און אז ער וועט קומען היינט ביי נאכט טארסטו דעריבער אין טהעאטער ניט געהן ? קענסט געהן און פערברענגען און הערען דעם מאן ווי עם פאר א יאהריגען דונער !

בערטהא : דו ביזט א גליקליכע ! אין דיין הארצען שטורעמט ניט און רוישט ניט, דער גערויש פון צווייפעל.

ראזע : איך בין א גליקליכע? געמענט זיין מיט מעהר גליק... איך לאז מיר ניט צום הארצען קיינע דאגות און זמערץ. איך האב בעפאר מיין חתונה מיין-מאן ניט ליעב געהאט און קען איהם איצט אודאי ניט אנקוקען, נאר פערפאלע מען מוז אט אזוי שווייגען און מוטשען זיך. מישטיינס געזאגט, די גרויסע שעהנקייט וואס איך בין ? ווער קען זיך אין מיר פערליעבען ? און דערצו נאך, דיא פולע נדן וואס איך האב איהם נגעגעבען ? האלט מען זיך שוין אט ווי דער ווארים אין כריין און מיינט אז עס איז זים, אבער דוא, קיין עין הרע מיט דיין שעהנקייט ! קענסטו נאך א טוץ בחורים פון זינען אראבפיהרען ! לעב כל זמן עס לעבט זיך ! לאך ! ווען דו האסט נאך שעהנע צייהנער, אבער אהן צייהנער קען מען דעם מויל אפילו ניט עפענען. (זיפצט אב).

בערטהא : יא ראזע בעפאר מיין חתונה איך א צייט נאך דער חתונה, האב איך אזוי שטארק און היים געליעבט מיין איליאן ! נור איצט ! אה, ראזע ! מיין הארץ איז פול מיט האס צו זיך זעלבסט ווי בין איך עס געווען פערבלענדעט ? ווי האב איך עס בעשלאסען דאן פערבינדען מיין לעבען מיט אזא נפש ? ווי האב איך עס איהם געליעבט ? אז איצט פיהלט גאר מיין הארץ א הייסע און שטערבליכע ליעבע צו סימאנען !

ראזע : בערטהא, ניט דו ביזט דיא ערשטע צו וועלכער דאס גליק קומט אביסעל שפעטליך. א פרוים הארץ פאר דער חתונה און א קליינע צייט נאך דער חתונה ווערט קיינמאל ניט גוט קאנטראלירט פון דעם געדאנק און רייגע געפיהלען, די מאכט פון יונגע ליידענשאפט, בענעהמט ז און זי בעקלעהרט ניט גוט איהר צוקונפט און אזוי דויערט עס ניט פיעל די ליידענשאפט געהט פאריבער און דער געדאנק מיט די רייגע געפיהלען, ערוועקען זיך צוזאמען און קומען צו אזא בעשליסונג : אדער לעבען מיט ליעבע! אדער לעבען מיט א מוז, אט דעם הערצליכען קאמפף לעבסט אויך איבער....

בערטהא : טייערע ראזע, ווען מיר זיינען מיידלאך נאך חברטעס געווען, איך פלעג אלעס דיר פערטרויען... איצט אויך. ראזע ! איך זאג דיר די וואהרהייט, איך ליעב סימאנען בעסער ווי מיין לעבען, נור עס איז דא א שטארקע הארץ ליידענדע פראגע, אי, ראזע.

(עס קומט אריין סימאן).

סימאן : (גיט ראזען די האנד) גוט אבענד מאדאם סמעכאוו !

ראזע : א גוט יאהר זאל אייך זיין איהר געהט היינט סימאן יאקוולעוויטש אין טהעאטער ?

סימאן : (קוקט מיט א ליעבליכען שמייכעל צו בערטהאן) עס איז נאך ביי מיר ניט בעשטימט ! ענטשולדיגט מיר ראמען, איך האב קיין צייט ניט געהען אן אנטהייל אין אייער געזעלשאפט! אדיע ! (אב אין צימער)).

ראזע : בערטהא, ביזט ווערט מען זאל דיך שמייסען ! קיין עין הרע עס איז דאך טאקי א גליק און אפערגניגען מיט אזא מענשען צו פערברענגען ! דאס גליק גליטשט זיך ביי דיר ארוים פון צווישען די פינגער, דו נעהמסט עס גאר ניט אזוי דארף דאס בלייבען, זאלסט געהן מיט סימאנען אין טהעאטער און האבען זיך פערגעניגען ! איך וועל אויך זיין דארט וועלען מיר זעהען זיך, איך געה זיך אביסעל צוגרייטען און דו לאז ניט אראב דיא אז! זיי א מענש און האב שכל וועסטו קענען לעבען אויף דער וועלט ! אדיע אב).

בערטהא : יא, זי איז מיר קיין שונא ניט, זי רעדט ריכטיגע רייד, אבער ווי קען איהר געדאנק בעקלעהרען, מיינע ווערצווייפעלטע געדאנקען, און פערוועהטאגטע געפיהלען ? איך קען עס ניט אזוי שנעל בעשליסען מאכען אן אפענטליכען שריט קעגען מיין איליאן. ווי ווען מען עס, אזוי שנעל ווערען אומטריי ? אזא מאן, וועלכער ליעבט מיך ערענסט! וועלכער האט מיר אזוי פיעל פערגעניגענס און לוקסוס פערשאפען ? א שרעקליכער קאמפף איז אין מיין הארצען (זיצט פערטראכט).

(אויפטריט סימאן).

סימאן : בערטהא, וואס איז מיט אייך ? וואס זעהט איהר אוים אזוי פערזאגט'ט ? ניט וואהר ?

בערטהא: (ער זעצט זיך נעבען איהר) טרויעריג איז מיר אויף'ן הארצען (פויזע) יא, ווען דו ! (כאפט זיך צוריק) א, ווען איהר וואלט וויסען מיין אינערליכען קאמפף ?

סימאן : בערטהא, צו דען געפינט זיך נאך ביי אייך א צווייפעל, אין מיין אמת'ע און איבערגעגעבענע פריינדשאפט צו אייך ? ערנסט רעד איך צו אייך ! בערטהא, ווען איהר וואלט וויסען מיט א וואסער אמת'ער גוטער מיטפיהלונג בין איך צו אייך ! איך ליעב דיך !

בערטהא : (פאלט איהם אין אוטארמונג) סימאן מיין גאנצער קערפער ציטערט אין מיר, וואס ווייטער, ווייטער, צופלאקערט זיך אין מיין הארצען, דער זיסער פונק פון ליעבע ! נור דורך אייך סימאן !

סימאן : מיין טהייערע בערטהא! קושט זי) איך לעב דא מיין צייט נאר מיט, וואס איך געפין זיך מיט אייך ! איהר דארפט אייך פערגעסען און דעם, וואס קיהלט אב אייער יונג הארץ, איהר דארפט פערגעסען ! די אמת'ע גוטע געפיהלען פון ליעבע! וואס דערווארעמט אייער הארץ דארף זיין די אויפהאלטונג אין לעבען. די טרייסט און די האפנונג... קושט זי ליידענשאפטליך. (פויזע).

אויפטריט פעסיל) :

(זי טראגט אויף א טאץ 2 גלאז טהע און צום טהע, זי מאכט זיך ניט זעהענדיג ווי דערשרעקען זיך).

פעסעל: איזוואליטע טעה! (שטעלט אויף,ן טיש).

בערטהא :פעסעלע נא דיר 50 קאפיקעס וועסטו געהן ברענגען קאנפעקטען צו טעה, און דאס (גיט איהר נאך)נא דיר אויף א שאל וועסט קויפען צו פסח, איך האב נאך דיר דאכט זיך מיין שלח מנות ניט אבגעגעבען, אראב א חוב פון מיר (לאכט)

סימאן : כא, כא, כא ! א שפעטיגער פורים ביי אייך !

פעסיל : א דאנק אייך בערטהא באריסאוונא ! (נעבען טיהר אפארט) ניט אומזיסט זאגט מען : אז גיע פאודמאשזעש גיע פאיערעש. (אב אין נאסט טהיר ביידע זעצען זיך טרינקען טעה, פויזע.

בערטהא : וואס וועט זיין סימאן ? געהען מיר היינט אין טהעאטער ?

סימאן : איך קלעהר טאקי, וועגען דעם. (פויזע) סלושאיטע ! איליא מארקאוויטש וועט מסתמא קומען האלב נאך עלף ביינאכט. (נעהמט ארוים א טאשענזייגעריל) און יעצט איז שוין באלד 8, האלב נאך 8 אדער 9 הויבט מען אן שפיעלען אין טהעאטער, וועלען מיר געהן און פעסעל זאל זאגען — איליא מארקאוויטשען אז ער וועט קומען און פרעגען וואו זייט איהר זאל זי זאגען : ביי אייער פאטער געבליבען נעכטיגען מחמת עמיץ איז דארט ניט געזונד, אויף מיר וועט ער זיך ניט פרעגען און געווים וועט אזא מאן ווי איליא מארקאוויטש פון דער רייזע זיין מיעד, וועט ער ווערען שנעל אנשלאפען, און מיר וועלען קומען מסתמא ביי נאכט וועט קיינער ניט הערען, ניט זעהען, עס איז דא ביי אייך פון דער טהיר, א צווייטער שליסעל, און אין דער פריה וועט איהר פריה אויפשטעהן אזוי ווי ערשט געקומען.... גוט בערטהא ? כא, כא, כא! א שעהנער ליגען און א גלאטער !...(לאכט).

בערטהא : לאכענדיג) אלעס וואס איהר זאגט, איז ביי מיר הייליג און טהייער ! (פויזע) נאר מיך שרעקט זעהר, איהם זאל עס ניט דערשלאגען דיא זאך, וואס איך בין ניטא אין דער היים, און טאמער דערהערט איליא ווי מיר וועלען קומען ביידע ?

(עס קומט אריין פעסיל) :

פעסיל (לעגט אויף'ן טיש א פעקעל ביים גרעק גענומען ! פערווי סארט קאנפעקטען ! אנגיסען אייך נאך טעה ?

סימאן : ספאסיבא ! איך וויל מעהר ניט. (עסט צוקערקעס).

בערטהא : פעסעלע, קום צו מיר אין צימער וועסטו מיר העלפען איבערטהאן זיך, און איך וועל דיר דארט זאגען א נויטיגע זאך.

פעסיל : אטשען פריאטנא ! בערטהא באריסאוונא ! (ביידע אב).

סימאן : (אליין קוקט נאך זייער ארויסגאנג) אך! ווי ליעבט מען ניט אזא שעהנקייט ? איהר פיגור! איהרע שעהנע אויגען ! א ווי זי בעזיעגט מיך מיט איהר שטעל און ריהר ! (האלב ענטשלאסען) נאר זי ליעבט מיך אויך גוט! (פויזע) מען דארף מעהר אין דעם הארצען די געפיהלען ניט שטיקען. א פרוי ליעבט ווען מען רעדט צו איהר מיט מעהר ווערטער... צום ערשטען איז עס נאר א ליעבער בליק געווען, און איין ווארט מיט איין קלאפ פון א הערצענסגעפיהל און יעצט, אהה, ווי עס צושפרייט זיך אין הארצען, די הייסע ליעבעסגעפיהלען !.. אין אלע אדערען זידט דאס בלוט פון ליעבע !... ליעבע בערטהא !... דו ווערסט שוין דאכטזיך בעזיעגט, — פון איין ליעבע ?!... און כ'וועל בעזיעגען !... כ'פיהל, אז מיין הארץ האט אנגעטראפען איהר חבר'טע... מיין גליק פיהל איך, — פאנגט זיך ערשט אן !... אויפטריט אבראשע

אבראשע : סימען יאקאלעוויטש ! כ'הב אפגעגאלט דעם פריץ, און פערמאכט די פאריקמאכערסקע

סימאן : האראשא ! הער אבראשע, מיר געהען באלד אין טהעאטער, און איליא מארקאוויטש, דארף ביי נאכט קומען צופאהרען... איז אויב ער וועט פרעגען : — "וואו איז בערטהא"? זאלסטו זאגען : — 'אוועק צום פאטער, עמיץ איז דארט ניט געזונד"... און אויף מיר, — אויב ער וועט פרעגען, זאלסטו זאגען : — "אז דו ווייסט גיט" !... דו הערסט קאנספעריראציע.

אבראשע, איך הער, ניט בעזאפקאיעט זיך סימען יאקאוולעוויטש !... איך פערשטעה א געשעפט.

(סימאן שמייכעלט) וואו איז דאס דער טהיי? מען דארף געהן צו דער מאדמאזעל פעסיל, בעטען טעה.

סימאן : זי וועט באלד ארוים פון דארט, שיק איך זי דיר אין קיך, נאר זיי פארזיכטיג !... קענסט זיך נאך חס ושלום אין איהר פערליעבען... הא־הא־הא ! נעם אבראשע קאנפעקטען... (גיט איהם)

אבראשע : פוסטיאקי ! מיין ליעבע צו פעסלען, איז ניט מעהר ווי א קליינער און רויסער קיפ! חא, חא חא! (אב אין קיך) (בערטהא און פעסיל קומען צוריק)

(בערטהא איז געקליידעט אין אן איבער מאנטעל מיט א העט.)

בערטהא : סימאן, טוט זיך אן, מיר געהען.

סימאן : פעסיל, גיט אהער פון מיין צימער, דעם איבערראק מיט דער העט.

פעסיל : אים וועליקים פאטשטעניעם ! (אב)

בערטהא : איך האב שוין איבערגערעדט מיט פעסלען, ווי מע דארף...

סימאן : און איך האב מייגעם, אויך שטרענג צוגעזאגט... (פעסיל טראגט אריין דעם איבערראק מיט דער הוט)

בערטהא : (ווארפט א בליק אין שפיגסטער) וואוהין איז אוועק אבראשע ?

סימאן : אין קיך איז אבראשע, זוכט דארט טהיי (צו פעסלען) געהט שוין צו איהם, — איהם איז דארט אומעטיגליך.. חא־חא (פעסיל בעלייריגט זיך)

בערטהא : (ווינקט סימאנען ער זאל שווייגען...) ס'אראנה דיר פעסעלע, וואס זיי זאגען.. געה גיב אבראשען טהיי און עסען, און זעה, אז סאניטשקע וועט זיך פון שלאף א כאפטהאן, און עפעס בעטען, בערוהיג זי...

פעסיל : (נעבען קיך־טיהר) כ'וועל אלעס דא אכטונגעבען ! (א פארט) פאר א לאכען ... א פראסטער מענש, איז ביי זיי קיין מענש ניט... פון איין טויג דאכטזיך געקנאטען... (אב)

סימאן : (נעמט זי געארעמט) איצט בערטהעטשקע ! געהען מיר אין טהעאטער !..

פארהאנג פערוואנדלונג

(דער זעלבער צימער. פינסטער. שטעהט א ווייל׳ע לעהדיג, נאכהער הערט זיך ווי מען קלאפט אין גאס-פענסטער, און מע רופט : "פעסיל" ! 'אבראשע" ! עפענט די טהיר! עס טוען זיך א לאז לויפען פערשלאפענע ; אבראשע פון צימער, פעסיל פון קיך, זיי צוקלאפען זיך מיט די קעפ, שרייען אוים : 'טפוי ! — דאס ביזטו ? ! — דאס בין איך' ! מען עפענט די טיהר.)

(אויפטריט איליא מארקאוויטש)

(א הויכער וואוקס, זעהט אוים שלאף און דאר, רעדט מיט א אטהעם - פערהאלטונג. טראגט א אונטערגעשארענע בערדעל, רייך געקליידעט.)

איליא מארק : גוט אווענד ! צינדט אן פייער. (אבראשע צינדט אן א לאמפ.) פעסיל, געה טראג אריין מיין טשעמאדאן, נא דיר געלט, וועסט אפגעבען דעם איזוואשטשיק (פעסיל אב) אבראשע, טו מיר אוים דעם אויבעראק... (אבראשע טוט עס.) ווי פיהלט זיך בערטהא, און סאניטשקע ? זיי שלאפען שוין ?

אבראשע : ניטשעווא, געזונט דאנק גאט !

איליא מארק : וואס איז אזוי פריח, און זיי שלאפען שוין ? (קוקט אויף א טאשען־זייגער) באלד 12, הם !...

אבראשע : (רייבט די אויגען פערשלאפען, שטאמעלט) בערטהא באריסאוונא איז אוועק צו ר' בער סאקאלאוו...

איליא מארק : צו איהר פאטער ?

אבראשע : יע, עמיץ איז דארט נישט געזונד...

איליא מארק : און סימאן שלאפט שוין אויך ?

אבראשע : סימאן ... סימאן איז דאכטזיך אוועק אין טהעאטער. (א פארט) אויסגעגליטשט זיך מיט א ווארט.

(עס הערט זיך סאניטשקע שרייט פון שלאף — "מאמא' !.. ',מאמא' ..)

איליא מארק: סאניטשקע וויינט ! געה אבראשע בערוהיג זי... פאר מיר וועט זיך סאניטשקע פון שלאף דערשרעקען... ערשט געקומען זי וועט מיך נישט דערקענען.. (אבראשע אב)

פעסיג : (טראגט אריין א טשעמאדאן, ווארפט נעבען טיהר מיט כעס)

פעסיל : אבער אלע מאהל איז איליא מארקאוויטש קומט צופאהרען, נעמען זיי ־רוק'קע דעם איזוואשטשיק ! אשטיקעל בארוויסער ... א נאכאל !... טשעפעט זיך צו ווי א קלעק ! געהרגעט זאל ער ווערען!.. (וויל געהן אין קיך)

איליא מארק : פעסיל, ווער איז נישט געזונד ביי סאקאלאווס ?

פעסיל : איך ווייס ניט נאר די בעל הביתטע איז אוועק צו זיי !... זאל איך אזוי גליק !...

איליא מארק : (האקט איבער) ווער בעט דיך שווערען זיך ?! זאג מיר, איך וואו איז סימאן ?

פעסיל : איך ווייס ניט, וואוהין סימאן איז אוועק, ס'איז ניט מיין באבעס דאגה'ן!.. (אב אין קיך)

אויפטריט אבראשע.

אבראשע : סאניטשקע שלאפט שוין; מען די מאמא''... האב איך איהר געזאגט. כ'האב זי בערוהיגט, — ',באלד וועט קו (ער מאכט הינטער איהם א גרימאסע אזוי ווי מען זאל זאגען : אז א פרא אדם ! פערטהעהט ניט''...

(אב צו זיך אין צימער)

איליא מארק : (אליין, זעצט זיך נעבען טיש פארקלעהרט.) זי איז אוועק.. עמיץ איז דארט נישט געזונט.. (פויזע, נעמט ארוים פון קעשענע א בריעף קוקט אריין) זאל עס זיין ריכטיג דער אנאנימער בריף, וואס מע האט מיר צוגעשיקט ?.. א, ניין ! מיר ווילט זיך נישט גלויבען, אז מיין ליעבע בערטהא, זאל אזוי מיר בעצאהלען, פאר מיין שטענדיגער אמת'ער טריישאפט צו איהר !.. (קוועטשט דעם בריעף..) צו וואס האט מען מיר מיט דעם שטיקעל פאפיר פערסם'ט מיין הארץ?!.. (לעזט) "אילא מארקאוויטש, אייער בערטהא האט אייך פערביטען, אויף אייער ארבייטער סימאנען"..

(וויל עס צו רייסען.) אה ! איך דארף עס מעהר נישט אנקוקען ... בערטהא, וועט עס נישט טהאן.. צוליעב סאניטשקען.. נאר... כ'וועל פרובירען די ריכטיגקייט דערגעהן, — וואוהין געהט זי אום אזוי שפעט ?... אויב ס'איז נאר ריכטיג ! .. ניין, ניין, מיין טרייע בערטהא ! איך זינדיג קענען דיר מיט,ן געדאנק !.. כ'וויל

(פארזעצונג אויף פיידזש 6)

NO ALUM

ALL INGREDIENTS ARE PLAINLY PRINTED ON THE LABEL
MAKES THE WHITEST, LIGHTEST
MAGIC
BAKING
POWDER
CONTAINS NO ALUM

דער „אידישער זשורנאל“

ה. וויינבערג פרעזידענט און דזשענעראל מענעדזשער
די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג אינ'ם פראווינץ אנטעריא
קענעדיען דזשואיש פאבלישינג קאמפאני לימיטעד—ארויסגעבער
251-253 קווין סט. וועסט — טעלעפאן עדעלייד 3967
סובסקריפשאן פרייז: 3,50 א יאהר איינצעלנע קאפ. 1 סענט

ענטפערס צו בערטהאן

פון ערא

מיר האלטען אונזער פערשפרעכען, און האלטען זיך דערווייל צוריק פון צו זאגען אונזער מיינונג וועגען בערטהא'ס אנפראגע ווי אזוי זי זאל האנדלען. מיר ברענגען היינט די ערשטע בריעף וועלכע מיר האבען ערהאלטען אלס ענטפער אויף איהר אנפראגע. און זאלען זיי איהר צוהעלפען לעזען איהר רעטעניש.

זאל עס נים וואגען צו טהאן.

געעהרטער רעדאקטאר !

איך בין אליין א פאטער פון ערוואקסענע קינדער, און ווען ביי מיינע קינדער וואלט זיך געהאנדעלט וועגען אזא פאל וואלט איך געווים געוועזען נעגען דעם, ווייל מיט פייער טאר מען זיך נים שפיעלען.

אמת, עס איז נאך דערווייל א ספק, אבער דאך, דארף מען נים איינשטעלען. זאל זי נים זיין אזוי פערצווייפעלט, איהר גליק וועט זיך נאך געפינען.

א פאטער פון קינדער.

)::(

ליעבע איז אלעס.

ווערטהער מר. ערא !

איך האף, אז איהר וועט מיין בריעף דרוקען צוזאמען מיט אנדערע, וועלכע דארפען דיענען אלס ענטפערס צו בערטהאן.

וויפיעל קאליקעס קינדער ווערען געבוירען און דאך שטעלט זיך נים אב קיין יונגער מענש פון הייראטה צוליעב דעם. טאמער וועלען זיי געבוירען קינדער קאליקעס. יעדער איינער האפט, אז עס וועט זיין צום גוטען. ווי הער דאקטאר פערזיכערט איהר, קען גאנץ מעגליך זיין, אז די קינדער זאלען זיין געזונטע, ווארום זשע זאל זי שוין פערביטערען איהר לעבען און אבפינסטערען איהרע יאהרען אהן גליק און ליעבע.

זאל זי פערטרייבען פון זיך די פינסטערע געדאנקען, פערבינדען זיך מיט דעם, וועמען איהר הארץ ליעבט, ווייל ליעבע דאס איז אלעס.

מיט גרוס,
א יונגע מוטער.

)::(

זי דארף צוואווארטען.

ווערטהער הער רעדאקטאר !

אלס אן אומפארטייאישער מענש אין דער זאך, וואלט איך איהר געראטהען, זי זאל נאך צוואווארטען אביסעל צייט, און איבערצייגען זיך און איהר ליעבע, אויב איהר ליעבע איז באמת שטארק, דארף דאס נים זיין קיין אבהאלט.

מרס. יעטע וויינצווייג.

)::(

זאל נים ברענגען קיין קריפעלס.

געעהרטער רעדאקטאר !

מיין מיינונג איז, אז זי זאל זיך נים פערבינדען מיט איהר געליעבטען, ווייל מען דארף נים ברענגען קיין קריפעלס אויף דער וועלט.

מיט אכטונג
א. ראוז.

זי ליעבט איהם נים גענוג.

ווערטהער הער רעדאקטאר !

ערלויבט מיר אויסצושפרעכען איניגע ווערטער וועגען דעם ווי אזוי זאל זי האנדלען. די הויפט פראגע וואס בערטא די פינישערין פרעגט איז, ווי שוידערליך וועט זיין פאר איהרע קינדערלאך, וועלכע וועלען ליידען. וועגען דעם האט זי געווים נים קיין רעכט צו זיין פערבונדען מיט איהם. ווייל אין אלגעמיין פון נים צופריעדענהייטען, וועלכעס מענשען פיהלען זיך וואלט יעדער איינער נים וועלען געבוירען ווערען . . . ספעציעל צו ברייננגען אומשולדיגע קינדער אויף דער וועלט, אז זיי זאלען שוין ליידען פון קראנקהייטען איז געווים זעהר איין גרויסער פערברעכען...

יעצט קומט די פראגע וואס איז מיט ליעבע.

נאך איהר שרייבען קען מען אנמערקען, אז זי איז שוואך אין דער נאטור, וועלכעס זי דריקט זיך אוים, אז זי האט געזוכט אזויגעס, וועלבער זאל קענען איהר פערשטעהן. ווען אין דער צייט האט זי געדארפט האבען שטאלץ גענוג צו פערשטעהן איהם. און נאך איהר גאנצען שרייבען קען מען זעהן, אז דאס וועט איהר אימער ליגען אויף די געדאנקען דאס אז די ליעבע וועט זיין א סך נידריגער ביי איהר, ווי עס טרעפט ביי אנדערע, אז די קראפט פון ליעבע ברעכט אלעס.

דאס איז מיין מיינונג פון איהר שרייבען, ווייל איך דיינק, אז ווען די ליעבע וואלט ביי איהר געהאט אזא ווירקונג ווי עס האט אויף אנדערע, וואלט זי קיינמאהל אין א צייטונג געשריעבען דאס... ווייל אז מען זאל אלעס הערען וואס א דאקטאר זאגט, דארף מען נים עסען און מען דארף נים לעבען.

די זעלבע פריילין האט זיך געמעגט פארשטעלען ביי זיך, אז ווי וואלט געווען, אז דאס טרעפט נאך דער חתונה אזא זאך, וואלט דאך געמוזט זיין אויך גוט. אבער איהר געוויסען איז שטארקער פון ליעבע דאדורך וואלט איך איהר נים געראטהען צו חתונה האבען מיט איהם, ווייל דאס וועט איהר קיין גוטעס טהאן.

מ. פיין, פיטערבארא.

וויכטיג פיר שניידער און פעדלער

לובינסקים פעדלער סופליי און וואלען גודס מערטשענט האט שוין אריינגעקראגען זייער ספרינג סופליי פאר סוטס און אווערקאוטס פון די בעסטע וואארע אונשעהנסטע פעטערנס, און ערווארטען זייערע צאהל רייכע קאסטימערס באזוך.

J. LUBINSKY, Wholesale Woollens 248 Simcoe Street, Toronto
TELEPHONE MAIN 6446

זעלטענע געלעגענהייט

א 15 דזשועל ניקעל מאוומענט
גאלד וואטש
14 קערעט

—בלויז פאר א קורצער צייט—

ספעציעל רעדוצירט
כמעט האלסייל פרייז
$36.00

KLING BROTHERS
125 Queen W.—Phone M. 2354

A.W.C.Co
TORONTO

(פארזעצונג פון פיידזש 5)

עס גאר אוי'ף זינען נישט ארויסברייננגען אזא שלעכטע געשעהעניש !...

(שטעהט אויף שווער, קרעכצעט) נישט גוט, אז מען איז א פערהייראטהער מאן, און מע איז קראנק... ס'איז א דא פעלע צרה... (קוקט אויפן זייגער) — ארוים פון טשעמאדאן א קעסטעלע, נעמט א "פאראשאק", פערטרינקט מיט עפעס פון א פלעשעל פערהוסט זיך.) — אין א האלבע שעה ארום, וויעדער איינעם דארף איך נעמען.. בר'ה'ר, ! טפוי ! ביטערע פאראשקעס... (פערהוסט זיך. דרעהט צו דעם לאמפ אב צו זיך אין צימער. א ווילע איז די ביהנע לעדיג.)

בערטהא און סימאן קומען אריין

בערטהא : (ביים טיהר צייגט אויפ'ן ,,טשעמאדאן'.) זעהסט ? דער ,,גאסט' איז שוין געקומען....

סימאן : (טהוט א ציטער אומבאמערקט פון איהר. נאכהער מוטהיגער) חע ! טו זיך אוים בערטהא, מיר וועלען זיך זעצען אביסעל אפרוהען... זאל 'ער' שלאפען... ער איז איצט מיעד פון דער רייזע... (טוט איהר אוים דעם אויבערמאנטעל, [illegible] און זיך)

בערטהא : (מיט אן איראנישען שמייכעל) סימאן, דיך פערדריסט איהם ?... זאל ער שלאפען?... (שמייכעלט)

סימאן : (נעהמט זי ביים האנט, זיי זעצען זיך אויפ'ן סאפקע, ער נעמט זיין האנד איהר אויפ'ן אקסעל) — זאג טהייערע בערטהא ! עפעס ליעבליכער קלינגט דאס ווארט — 'דו,... דא פיהלסט זיך טאקע, ליעבע... פריינדשאפט... איבערגעגענהייט.. נישט אמת (קושט זי)

בערטהא : יא סימאן, אמת... איך קען פיעל נישט רעדען, פון ליעבע צו דיר... מיין הארץ איז איבערפול מיט ליעבע — געפיהלען.. עס פערשטיקט מיר מיין אטהעם, כ'זאל עס קענען דיר, אויסדריקען... (פאלט איהם אין אומארמונג)

סימאן : ליעבע בערטהא.. איך ליעב אויך די שטילקייט.... ווי אנגענעהם דאן איז, ווען אלעס ארום איז אזוי שטיל.. א, בערטהא, עס הערט זיך בלויז ווי ס'קלאפען די געליעבטע הערצער....

(קושט זי ליידענשאפטליך, פויזע)

איליא מארק : (עפענט שטיל די טהיר, דערזעהט זיי ווי זיי זיצען... טהוט א ווילד א געשריי : א־אך ! !.. פאלט אין אהנמאכט. זיי כאפען זיך אויף דערשראקען. סאניטשקע לויפט ארוים אין א העמדעלע, מיט א געשריי

(פארהאנג)

צווייטער אקט

(אין עטליכע וואכען ארום)

(דער זעלבער צימער. סאניטשקע זיצט אויף א שטוהל, בערטהא מאכט איהר צו רעכט די האר).

סאניטשקע : מאמא, איך וועל היינט אין קלאס ניט געהן...

בערטהא : פאר וואס טאכטעריל ? דיר טהוט וועה דאס קעפעלע ?..

סאניטשקע : יא...

בערטהא : א, טאכטער'ל מיינע, דו האסט ביי מיר מיין גאנצען געזונט צו גענומען, פאר די צוויי וואכען צייט, וואס דו ביזט ניט היינט געדאכט געווען ניט געזונט... געה נישט מיין קינד אין קלאס, אלע וועלען דיר דארט קריכען אין די אויגען.. אזוי ווי מיר.. כ'קען א גאס נישט דורכגעהן... אלץ איבער דיין טאטען.. (וויינט קושט זי)

סאניטשקע : (וויינענדיג) מאמא ! וואס ווייסטו ?... דער פאפא איז זעהר א גוטער.. ער נעהמט מיך צוזיך אויף די קניה, קושט מיך און זאגט מיר : — ער וועט מיר געבען אלעס, אלעס, וואס איך וועל בעטען ! ...

בערטהא : ווען האט עס דיר דער פאפא געזאגט ?

סאניטשקע : געדענקסט, ווען דער פאפא האט זיך געווארפען צו סימאן יאקאוולעוויטשען, מיט א מעסער ?.און איך האב זיך איבערגעשראקען... און א דאקטאר האט מיר געהייסען נעהמען קאפליעס...)האט זיך א טרייסעל) ביטערע קאפליעס געווען !... איז נאך דאמאלסט האט דער פאפא מיר געזאגט : — אז כ'וועל געזונט ווערען, וועט ער מיך צו נעהמען פון דאנען אין א גרויסער שטאדט אין א גוטען קלאס !.. און מיר געבען אלעס... וואס איך וועל נאר בעטען

בערטהא : סאניטשקע, און מיך וויל דיין פאפא, לאזען דא אליין.. (רייבט די אויגען)

סאניטשקע : (שפרינגט אראפ פון שטוהל) וואס הייסט ?... פאר וואס.., (מאכט א פאזע צו וויינען)

בערטהא : ניין ניין, טאכטער'ל דאס לאך איך... (קעהרט זיך אפ) אך און וועה איז, צו מיין געלעכטער..

(עס קומט אריין יעקב משה)

יעקב משה : גוט מארגען ! (בלייבט שטעהן נעבען טיהר)

בערטהא: גוט יאהר געה דורך, וואס שטעהסטו ביים טיהר ?

יעקב משה : (קוקט אויף זיינע שיך) איך האב מורא געהן ווייטער, עס זאלען ניט ווערען סימנים פון טריט... אין מיינע שיך קאפעט אריין צו ביסלעך וואסער פון פארעשוויע...

בערטהא : געה דורך, נישקשה. (ער טרייסעלט אפ די פיס.)

סאניטשקע : מאמא, איך וועל געהן צו סמעבאווס, מיידעלע ?

בערטהא : נעה טאכטער'ל, נאר נעה נישט אין די בלאטעס, שפיעל זיך מיט איהר אין שטוב...

(טוט איהר אהן א בגד'ל, קושט זי סאניטשקע אב אין גאס טיהר)

יעקב משה : ביילעניו, ווייסטו חאטש נאך וואס איך בין געקומען צו דיר?

בערטהא : פון וואנען זאל איך וויסען ?

יעקב משה : אנ'אומגליק שוועסטער ! ציי מיר שפאלט זיך דער מוח..

בערטהא : וואס איז ווייטער

יעקב משה : דו ביזט דאכטזיך א קלוגע מאדאם ! און פערשטעהסט גארנישט ס'שפאלט זיך דער מוח, — אז די שיך עפענען א מויל... (צייגט איהר א פוס)

בערטהא : (מיט א געמאכטען כעס) וואס פעהלט איהם ? און וואס האט ער.. דו ביזט דאך נישט דאס אויסען זאגען, איך פערשטעה דאך !... טא זאג שוין, האסט עפעס נייעס צו דערצעהלען ?..

יעקב משה : אויף שונאי ציון געזאגט געווארען ! אזוינע נייעס... נאר מען דארף דיר דערצעהלען, הערזשע מיך אוים : ס'איז געקומען צו אונזער פאטער, דיין איליא און שרייט איהם : — איינמאל פאר אלע מאל אן ענדע זאל עס נעהמען !... (זי הערט נייגעריג) דאס קינד וועל איך צונעהמען !... אז סאניטשקע וועט זיין מיט איהר ! אזוי זאגט דיין איליא, — וועט זי זיך אויסלערנען שעהנע מנהגים... זי וועט זיין אזוי ווי די מוטער !... (צייגט אויף איהר מיטן פינגער) דאס מיינט ער דיך ביילעניו !.. פערשטאנען ?

בערטהא : און וואס זאגט דערויף אונזער פאטער ?...

יעקב משה : דער פאטער ? ער ענטפערט מיט א זיפץ, מיט א הוסט, און מיט א שמעק טאבאק פארבייסט ער..

בערטהא : אך... אבער וואס זאגט דער פאטער מכוח גט ?..

יעקב משה : (שאקעלט מיטן קאפ) אי ביילעניו ! איך פערשטעה נאך דיין נאז, — דיינע זינדיגע געדאנקען .. כעבעכע.. דיך וואלט נישט ארען נעהמען ביי איליאן א גט - לא ! (שמייכעלט)

בערטהא : (אונגעדולדיג) זאגסטו שוין צו ניט ? !....

יעקב משה : און אז כ'וועל דיר נישט זאגען, וועסטו שוין הייסט עס ברוגז ווערען, און נאר ניט וועלען איינטלייען מיר א פאר קערבלעך, אויף שיך ?... הא ! הא ! דיר וועט נאך נישט אנשטענדיג זיין, — אז דיין ברודער וועט ווערען פון ברה־באסעס... (צייגט איהר א פוס)

בערטהא : (אין כעס) די קבצנים, זיי זענען גרעסערע בלוט צאפערס, פון די רייכע !... (וויל געהן)

יעקב משה : שטעה אנטלויף נישט ! כ'האב נאר נישט געוואוסט, — ביזט דאך טאקע נישט א היינטוועלטיגע דאמע !... דו ווערסט גיך אין כעס, אזוי ווי מיין זלאטע די אלט־פריינקעשע !.. הע הע, הע, איז מיין זלאטע בעדארף זיך נאך לעהרנען ביי דיר, — ווי צו ענטפערען יענעם — מיט א גובערנאטאר אין זייט !...

(ערנסטער) קום שוין אהער, אהן כעס... נאר וועל איך דיר דערצעהלען. (זי געהט צו) דער פאטער אונזערער זאגט אזוי: — הער אליהו ! אז איך מיט מיינע קינדער, וועלען זיך נעהמען צו דיר ! וועלען מיר לעהרנען מיט דיר בלק" אויף אן אנדער אופן !... נעמסטו מיין טאכטער, און טראכסט אויף איהר אוים א בלבול !.. פערשווארצסט איהר די יונגע יאהרען... זי קען־אך א גאס ניט דורכגעהן !.. (מיט היץ) איך וועל באלד געהן צום רב, און וועל זאגען : — 'רבי! גט זאל זי איהם געבען !... ער זאל אפילו א שנירעל פון גארנישט ניט נעהמען !... אין מיין טאכטערס שטוב, איז אלץ מיינס" !... פערשטעהסט ביילעניו ! — וואס אונזער פאטער האט...

בערטהא : (נייגעריג) נו, נו, וואס ווייטער ?.....

יעקב משה : איז וואס נוקעסטו ? באלד וועט קומען אהער, דער פאטער מיטן רב, אויך דער רב איז ניטא אין דער היים, מעזאגט, — ער איז אפגעפאהרען וועלען קומען די אידען, און מעוועט זאגען א 'טרעטעיסקען סוד" ! ווי זיי וועלען זאגען, — זאלסט בלייבען מיט איליאן, צי גט'ן זיך.. און מיט דער גוטס... (קוקט זיך ארום) בעדארפמען אויך אלץ בעזארגען.. פערשטעהסטו ?

בערטהא : אך און וועה איז מיר.. איך פערשטעה גוט.)קעהרט זיך אפ וויינט שטיל) וואס טוטמען ?..

יעקב משה : (געהט צו נעהענטער צו איהר) ביילע, ביזט דאך א נארעלע, וואס וויינסטו ? מיר וועלען דיך נישט לאזען !

בערטהא : (מיט א געמאכטען שמייכעל) דו וועסט מיך נישט לאזען ?... וועסט בעטען נאך א גמילות חסד'ל אנטלייען... א יא ?

יעקב משה : (אפארט) ווי דאס הארץ זאגט איהר... הער ביילע ! די מעשה מיטן מיידעל, און דעם האניג, ווייסטו דאך : — דעם א לעק. און נאך א לעק... און אסור זאל מיר זיין !. נאך 5 קערבלעך, וועסט מיר איצט אנטלייען, א־איך וועל דיך קיין מאל נישט פארגעסען ! ..

בערטהא : (איראניש) האסט שוין מיך יענע 5 קערבלעך, דאכט זיך אפגעגעבען ?

יעקב משה : אי ביילע, לאך נישט, איך וועל דיר מיט גאטס הילף אפגעבען מיט א מאל !...

בערטהא : קום שוין צו מיר אין צימער, כ'וועל שוין נאך א פינפעריל ארויס ווארפען... נאר זעה זשע, אז זיי וועלען קומען אהער.. (ער זאגט איהר נאך) זאלסטו ווי סען... (ביידע אב,)

(ראזע סמעבאווס, קומט אריין)

ראזע : (קוקט זיך ארום) סאניטשקע האט געזאגט, — אז זי איז אין דער היים ; וואו קען דאס ? (זעצט זיך, נעהמט ארוים א בריעף) ווען בערטהא וועט וויסען, אז ס'איז דא א בריעף פון סימאנען !.. זי וואלט פון פריידע, דענק איך — געטאנצט!... (מיט אן ערנסטער מינע) גאט זאל מיך נישט שטראפען... איך פערדיין אפשר אן עבירה וואס דורך מיין האנט קומען אן בערטהאן די בריעף פון סימאנען. נאר איך פיהל געבאך בערטהאס הארץ..., ניט גוט איז, אז מעדארף אפלעבען די יאהרען, מיט יענעם מאן, וועלכען מען ליעבט נישט !... מיר האבען גלייכע מכות... בערטהא האט חאטש א שטיקעל רפואה.. אבער איך דארף מיינע יאהרען פערשווארצט זיין... (הערט זיך צו) שא, זי סודעט זיך דאכט זיך מיר מיט איהר ברודער ?... (בעהאלט דעם בריעף) כ'וועל איהר נישט איבערשלאגען, זי וועט מיר אלץ איינגם אלעס דערצעהלען...

(בערטהא און יעקב משה קומען צוריק. זיי זעהען ניט ראזען)

יעקב משה : (געהענדיג) בלייבט עס אזוי ; איך וועל געהן זעהען, אז מעוועט קומען אהער, איז נאר צו גט'ן זיך !...

בערטא : אך ברודער, שווער איז מיר ארויסצווערען — גט'ן זיך..

יעקב משה : (דערזעהט ראזען, ווינקט צו בערטהאן) טס'ס'סי ! ס'איז דא אזא וואס מ'בין,ט בלשון פיפקע !...

בערטהא : ראזע !...

גוט מארגען ! (גים איהר די האנד) און דו יעקב משה געה, און טהו ווי בעסער איז !...

יעקב משה : יע, יע, יעקב משה געהט, און רייסט די שיך... און אז מע'דארף נעהמען א גמילות חסד'ל, קומט א זים גרינע ווערים !... (אב אין גאס טיהר)

ראזע : בערטהא, כ'האב פאר דיר אן ערפרעהענדע נייעס !...

בערטהא : וואס איז ? ראזע !

ראזע : אט וואס ! (גיט איהר דעם בריעף) נאר וואס ערהאלטען וועסט דאך נישט ברוגז זיין, — וואס איך האב געעפענט דעם בריעף ?... סימאן, איז א קלוגער יונג ! ער האט אדרעסירט גלייך צו מיר, אט איז אנגעשריעבען צו מיר עטליכע ווערטער : מאדאם סמעבאווא ! איך בעט איבערגעבען דיזען בריעף בערטהאן ! מיט הערצליכען דאנק פאראויס — סימאן".

בערטהא : איך האב זיך פאר דעם געוויעם ! אה, ראזע, איך קען אזש דעם אטהעם נישט כאפען.. ביי מיר זענען יעצט פיעל פיעל נישט פרענטפערטע פראגען. מיר מוזען עס איבערשמועסען, בעפאר מע'וועט קומען אהער. (נעמט פאנאנדער מאשינעל דעם בריעף)

ראזע : דיינע פראגען, וועלען ניט אנטלויפען לעז שוין.

בערטהא : (לעזט) — "מיין טהייערע בערטהא ! אויב ס'איז נאר אמת, אז מיין הארץ, פיהלט די צווייטע... טא ווי קענסטו אהן מיר רוהיג לעבען ?. אין מיין הארצען, די ביינקעניש נאך דיר — האט טיעפע וואונדען געמאכט.. פיעלייכט, וועלען די הערצליכע וואונדען, — ווען עס איז עהיילט ווערען, — ווען דאס גליק וועט אונז ווידער צוזאמען ברייננגען... איי, האפנונג נאר, טהייערע בערטהא ! האלט אויף מיין פערצווייפעלטע הארץ... דאס איז אונזער אמת'ע, ריינע, הייסע ליעבע! וואס האט אונזערע נשמות צונויפגעבונדען מיט א שטארקער קייט !... אט די ליעבע געפיהלען, לאזען קיינמאל נישט דעם געדאנק א טראכט געבען ; — ווען וועט גם דער סוף זיין צו אונזערע שמערצען ?

ענטשייד מיר ליעבע בערטהא, די פראגע, גיב מיר שנעל צו וויסען : — צי איז שוין פריי אונזער צוקונפטיגער וועג ? — צי ליעגט נאך דער שווערער שטיין, אויף אונזער לעבענס־וועג ?... מיט ליעבען גרוס צו דיר, דיין שטערבליך פערליעבטער, סימאן" (פאלט ראזען אום האלדז מיט געוויין) אה, ראזע ! זאג מיר דו !. גיב מיר דיין ראטה !... אה, סימאן... ליעבער סימאן ! מיין הארץ, איז עווים ביי איהם !.. נאר די געדאנקען (וויינט — הילפלאז)

ראזע : בערטהא, דיין געוויין איז ווי א קינדערשער, נישט קיין בעקלעהרטער.. וואס איז דא דער געוויין ? דיין הארץ אנסטו, — ליעבט נאר סימאנען !.. דארפסטו מיטן געדאנק אויף שטימען, און באקלעהרען א גוטע עצה, — איהר זאלט וויעדער קענען זיין אין איינעם ...

בערטהא : העלף מיר טרייע ראזע ! באלד וועלען קומען אהער מענשען, אויספארשען די ריכטיגקייט, צי איז עס אמת, וואס איליא האט דאמאלסט ביי נאכט געמאכט קולות, און אויף מארגען אין דער פריה, געיאגט זיך נאך סימאנען מיט א מעסער, צי א בלבול ? היינט דארף באקלעהרט ווערען מיינס א לעבענס פראגע.. איך וואלט געוויס וועלען, אז איליא זאל מיר אליין וועלען געבען גט... נאר אך ראזע ! אין מיין הארצען וועט דאן אויף עוויג פערבלייבען, א נישט פערצייהענדער געפיהל צו זיך זעלבסט... ווי זאל איך אזוי מערדעריש אפשטויסען פון זיך איליאן ?.. ער האט דאך מיר, אזוי פיעל גוטעס פערשאפען !.. ער ליעבט דאך מיך, ווי א טרייער איבערגעגעבענער מאן צו זיין פרוי און קינד... נאר מיין הארץ. ראזע, מיין הארץ ציהט צו איהם נישט !. כ'ליעב סימאנען מיט מיין גאנצער הערצליכער ליעבע !..

ראזע : אויב דו ווילסט, זיין גליקליך ? אויב דו ווילסט פערגעניגען האבען פון דיין לעבען ? אויב דו ווילסט, דיין לעבען זאל זיין ביי דיר אימער טייער געשעצט ? זאלסטו קיינמאל ניט וואגען צו פערמאהנען זיך אהן דיין פערגאנגענהייט !.. א מאל האסטו געהאט אנדערע געדאנקען, אנדערע געפיהלען... איז דיר דער אמאליגער לעבען געווען גוט. פאר וואסשזע קענסטו איצט נישט שטימען מיט די אמאליגע געדאנקען און געפיהלען ?... זאג איך דיר, אלס גוטע פריינדין מיין ריכטיגע עצה ; — קענסט זיך נאר העלפען, און פערבעסערען ! ? טהו עס !.. אז נישט דורך, די גליקליכע יוגענד !.. וואס עס וועט דורך'געהן, — וועסטו צוריק נישט אומקעהרען !.. דו ביזט נאך פעהיג צו ליעבען !.. און געליעבט צו זיין !..

בערטהא : (מונטערער) סימאן שרייבט מיר, — כ'זאל איהם ענטפערען.. וואס ווייס איך וואס קען איך בעשליסען ? מע דארף נאך גענוג רעדען...

(היינטיגע פארזעצונג)

אין טהיר בעווייזט זיך פעסיל.

(זי טראגט א קליידעל אין האנד. בלייבט שטעהן נעבען טהיר און הערט זיך צו.)

ראזע : ווי דו זאלסט רעדען פאר מענשען, האבען מיר נאך נעכטען דאכט זיך גערעדט, איצט בלייבט נאר הערען די לעצטע ווערטער פון איליאן, נאכהער ווי עס וועט זיין, גיב צו וויסען סימאנען ! ער וועט באלד קומען צו דיר און דיין הערצליכע ליעבע וועט ערפילט זיין !

בערטהא : (דערזעהט פלוצלונג פעסלען) זעה, אויף איהר ! זי טראגט שוין איהרע שמאטעס לאטען ! וואס טועהסטו ? האסט שוין אין קיך אלעס אבגעטהאן ?

ראזע : בערטהא, זאלסט היינט קומען צו מיר אלעס דערצעהלען, א גוטע נאכט ! (אב).

פעסיל : איך האב שוין אין קיך דיא ארבייט אבגעטהאן, איצט וועל איך טהאן מיין ארבייט ! איהר זעהט ? דאס קליידעל האט זיך אין גאנצען צוטרענט ! דארף מען עס צו רעכט מאכען.

בערטהא : וואס הייסט דו וועסט נעהמען טהאן דיין ארבייט ? איך בין א קיין בעל הבית'טע ניט פאר וואס טהוסטו ביי מיר ניט א פרעג ?

פעסעל : שרייט ניט, איהר וועט דאכט זיך באלד איבערבעטען זיך. (בערטהא בלייבט שטעהן פערוואונדערט) עס וועט דאך באלד קומען אהער דער רב עס וועט דאך באלד זיין דא אויספארשונגען, צו איז עס א בלבול צו אן אמת וואס איליא מארקאוויטש האט געזאגט אויף דיך און סימאנען? איז —

בערטהא : (האקט איבער) פעסעלע ביזט דאך טאקי א נארעלע, אז איך פרעג עפעס, דארף מען דאס שוין ווערען ברוגז איך האב עס ניט געמיינט.

פעסיל (אויך ווייך) : בערטהא באריסאוונא, אז איך זאג, איך ווייס וואס, דארפט איהר זיך שוין בעאונרוהיגען ? ניט בעזאפאקאיעט זיך, גאט וועט אייך העלפען — חע !

בערטהא : (קעהרט זיך אב) אך און וועה פון וועמען איך דארף מיטפיהלאנג — — — —(צו פעסלען) פעסעלע. איך וועל געהן צו סמעבאווס, נעהמען סאניטשקאן א היים, און דו זעה דא אז מען וועט קומען אהער זאלסטו וויסען וואס צו זאגען. דו הערסט ? נישקשה פעסעלע איך וועל דיר דערפאר —

פעסיל : (האקט איבער) בערטהא באריסאוונא, איך זאל אזוי בעגליקט זיין ווי איך בין אין גאנצען פאר אייך (מיט א כלומרשט וויינענדיגען טאן) איך ווייס אז איהר זייט אומשולדיג.

בערטהא : (ביים גאס טהיר) פעסעלע, איך וועל זיין ביי ראזע סמעבאווס (אפארט) ראזע איז קלוג, זי וועט מיר שוין געבען אן עצה (אב).

פעסיל (זיצט נעבען טיש, לאטעט, שאקעלט מיט'ן קאפ אויף בערטהאס ארויסגאנג) זיס ווי איינגעמאכטעס, ווייך ווי פוטער איז זי געווארען ! כאטש לעג איהר צו צו א מכה ! א מאדאם ! כא, כא, כא ! דערלעבט זיך א צייט ! אז דאס גאנצע שטעדטעל קלינגט, בערטהא באריסאוונא און איליא מארקאוויטש דארפען זיך גט'ן ! סימאנען האט איליא מארקאוויטש פערטריבען. עס טהוט זיך ווי ביי ברוך'ן אין בארשטש ! חא, חא חא ! (פויזע, גענעצט), קומט נאר צו מיין ארבייט אזוי קומט צו מיר דער פוילער (קוקט אויף דער טהיר) כאטש אבראשע וואלט אריין וואלט ווערען אביסעל פרייליכער, מען זאגט : אז דאס עפעלע פאלט ניט ווייט פון בוימעלע איז דאס ריכטיג ! ווי דער עלטערער ארבייטער סימאן אזוי איז זיין בעהעלפער אבראשע איצט אז סימאן איז ניטא איז אבראשע א סטארשע מייסטער ! נאר קושען זיך, האט ער זיך אויסגעלערענט פונקט וויא סימאן ! (פויזע) פאר וואס קושט מיך אבראשע ? סימאן האט געוויס ליעב בערטהאן ! איך האב אליין געזעהען — ווי זיי זיינען געשטאנען און געקושט זיך אזוי געשמאק ! אך! (טהוט זיך א הויב אויף) אבראשע קושט מיך אויך... צו ליעבט ער מיך גוט? איך ווייס ניט... (פויזע. נעהמט ארוים פון בוזים א צעקנייטשטען פאפיערעל הויבט אן אויסגלייען) מען דארף זיך גוט אויסלערנען, דאס ליעד. אך, געמזיק'ט זאל זי ווערען ! חנה'קע די געשטופעלטע, ווייס אבער פון אלע ליעדער ! קוים געפועלט ביי איהר איבערשרייבען מיר דעם ליעד פונקט וויא אנגעמאסטען איז דאס ליעד צו מיר :

(זינגט) :

אי, אבראם איך קען אהן דיר ניט זיין!
איך אהן דיר, און דו אהן מיר
ווי א קלאמקע אהן א טהיר !

איך ווארט שוין ווען וועסטו קומען
פערשטעה מיין מיין, און קום צונעהן
ברענג מיט בלומען !

מען זאגט א מיידעל טאר א בלום ניט
וועלען!
אי א מיידעל איז זעהר איידעל
עס קען עפעס פעהלען..

אי, אבראם איך קען אהן דיר ניט זיין!
איך אהן דיר, און דו אהן מיר
ווי א קלאמקע אהן א טהיר !

עס רוקט זיך אריין אבראשע

ער ווארט שטיל ביז זי זינגט אב, נאכהער לויפט ער צו, כאפט זי פאר דיא אויגען, אומבעמערקט.

פעסיל : אי ! ווער איז דאס ?

אבראשע : איך האב געהערט ווי דו האסט געזונגען ! א שעהן ליעד ! (שמייכעלט).

פעסיל : (מיט א חן'עוודיגען בעליידיגטען טאן) דו לאכסט פון מיין ליעד ?

אבראשע (וויל זי ארום נעהמען) זי כלומרשט שטופט איהם אפ) חלילה איך וועל לאכען פון דיין ליעד ? נארעלע, טא מער איז דיין ליעד נוט אזוי שעהן איז ער דאך דערפאר זעהר זעהר א גוטער (טהוט איהר א קוש).

פעסיל : דו ביזט א גוטער אוטשעניק האסט זיך פון סימאנען אויסגעלעהרענט פיהרען ליעבע.

אבראשע (קעהרט אב די קאפ לאכט פון די ווערטער) אבי אזא סוף זאל ניט אויסנעהן צו מיר ! מען זאל מיך אויך ניט פערטרייבען ! אזוי ווי סימאנען חא, חא, חא !

פעסעל (טהוט איהם א פאטש אין בעקעל) אוי נארעלע ! איך האב דאך ניט אזא ווער זאל זיך אננעהמען פאר מיר ! איך בין דאך א מיידעל !

אבראשע : דאס איז טאקי גוט ! (אומארעמט זי) א כשרע שיסעל! און א כשר'ע לעפעל ! קושען זיך. פויזע, א גערויש, זיי דערשרעקען זיך לאזען זיך לויפען זי אין קיך, ער אין פאריקמאכערסקע, לויפענדיג טהוט ער זי א קניפ.

עס קומען אריין איליא מארקאוויטש ר' בער סאקאלאוו און 3 שעהנע אידען

(פארטזעצונג פאלגט)

MEET ME AT THE FIRESIDE
Strand
YONGE NEAR KING
CONTINUOUS 10 AM TO 11 PM
MATS 5¢-10¢ EVES 5¢-10¢-15¢

די גאנצע וואך קלארא קימבאלל יאנג און ווילטאן לאקעי אין,
טרילבי
אויף רייטאנד היטשקאק אין א גרויסער פארם קאמעדי די ריינג טייקר ריינעסראס
סעזאנייני סיטס רעזערווירט ביי טעלעפאן מיין 8345

HIPPODROMME
City Hall Square
אונאונטערבראכענע פארשטעלונג

היופט אטראקשאן
די מסזיקאלישע קאמעדי טיר — ביט פון סיזאן
'די מיידעל פון קאקאמא'
א וואונדערבארע צוזאמענשטעלונג פון מוזיק און לידער מיט.
עווא לא רו און איהרע בראדוועי ביוטים
קליעף בעיללי "א באי און זיינע באר'עלס" 3, — עקסילא פיינדס — 3
היופט אינסטרומענטאליסט
ספעציעלע פיטשור פילם די גרויסע טרינגאל פיטשור מיט
דאראטהי גיש און דזשארדזש פאוועטעט
בעטטי פון גרעיסטאן
דזשאזעף דייויס דער גייער סמאר פון סאנגלאנד בלינקס און לינקס קאמיקער ארטיסט ספעציעלע עקסטרא אטראקשאן די געלערנטע חיות טיבאר'ס סילס און סיילאנס וואונדערבאר געלערנטע

LOEW'S YONG ST. THEATRE
אונאונטערבראכענע פארשטעל.
12 מיטאג ביז 11 נאכמיטאג
מיסס האמלעט, העזעל קירד און קא. דעיסי הארקארט אטעמס דוא מיטשעל וויקלי די דאם סאן דאנאלי און דאראטהי די אייזערנע צוואנג א פאפולערע פאהטאפליי גרעט פאטעס און קא. און סאליטערי

GLOBE THEATRE
קווין סטריט וועסט פון ביי סטריט מאנ. דיענ. מיטוואך דאראטהי דאנעללי אין
מאדאם עקס
זעהט דיזע וואונדערבארע בילד פון א מוטער וועלכע ווערט אנגעקלאגט און מארדער פערטהיידיגט פון איהר אייגענעם זוהן וועלכען זי קען ניט
פרעמיער בארדען.
אינספעקטירט די קענעדער סאלדאטען אין שארנקליפט

ב. שערמאן
פלאמבער און בלעכער
527 קווין סט. וועסט
טעל. עדלייד 2055
אונזער ספעציאליטעט
רופינג און [illegible]
עסטימייטס פריי.

בוש. גרענער, בעסטע פייער אדזשאסטער און אינספעקטאר אף פאליסעס אין שטאדט, רופט מיך באלד נאך דעם פייער, בעסטע רעפערענסעס, טעלעפאן [illegible]